STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05106

SHPAS UN ERNST

Morris Abba Weitzman

Permanent preservation of this book was made possible by Drs. Earl E. & Marjorie Hellerstin in memory of the Romanoff Sisters

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דערקלערונג פון מחבר:

איך וויל דאָ מאַכן אַ קורצע ערקלערונג צוליב אַ טרויעריקע געשעהענים וואָס האָט פּאַסירט דורך דער צייט ווען עס האָט זיך געדרוקט די דאָזיקע אויסגאַבע „שפּאַס און ערנסט" און עס פאַרשאַפט מיר (ליידער) „האַרציגע" פאַרדרוס.

איך האָב דורך דער צייט זיך געפונען אין נואַרק נו-דזשוירסי — דורך דעם ווינטערדיגן סיזאָן פון שנײ און אײַז, און זיך אויסגעגליטשט אַרונטערגייענדיג די גלי-טשיגע טרעפּ. די דאָקטוירים קאַפּלאַן און פלאַקס און די האָפּמאַן דרוג קאָמפּאַני, אַלע פון נואַרק ניו-דזשוירסי, האָבן מיר אַטענדעט און קענען באַשטעטיגן דעם עקסי-דענט.

צוליב דער פּאַסירונג האָב איך ניט געקענט פאָרן קיין נויאָרק צו די פּוטורא פּרעס צו קאָרעגירן דעם בוך און די דרוקערײ האָט מיר פאַרשפּראָכן דאָס זײ וועלן אַליין לייענען די פּרוף און אַז אַלעס וועט זיין אין בעסטער אָר-דענונג.

צום באַדויערן האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אייניקע פאַר-דריסלעכע טעות'ן:

אויף דער צווייטער זייט, אין אינהאַלט שטייט

„קדית" — דאַרף זיין: — קדיש
„מנוחה ושמכה" — דאַרף זיין — שמחה
„בצות ישראל" — דאַרף זיין — בצאת
זייט 41 — סייך — דאַרף זיין — שייך
זייט 41 — סנסן — דאַרף זיין שנתן
זייט 41 — כנה דאַרף זיין קנה

אַלע קעפּלעך פון די לידער מיט שטערנדלאַך, מיינט דאָס עס איז דאָ מוזיק פאַר דעם.

פּרייז פאַרן בוך $1.35—פּאָסטיידזש און אינשורענס 013.

באַמערקונג — אַ צווייטער בוך מיט מוזיק פאַר די אידישע און העברעאישע לידער וועט אין גיכן דערשיינען. מיט די גרעסטע פּאַרזיכטיקייט און פּינקטליכקייט. ווערט איצט צוגעגרייט צום דרוק.

משה אבא ווייצמאַן.

משה אבא ווייצמאַן

שפּאַס און ערנסט

פאַר אייער פאַרגעניגען

אין דעם צווייטען העלפט פון 20סטען יאָרהונדערט

אַ קליין בוך, אָבער איר וועט אים אייביג געדענקען

ניו יאָרק

1951

Copyright 1951
by
Morris Abba Weitzman

Sponsored by A. Emmesh

200

משה אבא ווייצמאַן

אינהאַלט

דערציילונגען

אַבגעגנאַרט דעם דאָקטאָר — 8
דער מזל׳דיגער בעטלער — 15
דער מלמד און דער קייסער — 27
צוגענומען זיין כלה און געבליבן גוטע פריינד — 35
שפּאַסיגע געשפּרעכען — 38

לידער פון משה אבא ווייצמאַן

נעשה ונשמע — 44
יציאת הגלות — 45
דער אנדענק — 46
א מלאך זינגט — 47
די איינזאַמע — 48
די גליקליכע פּאָר — 49
דער מענש און די בלום — 50
זינגט פייגעלע אַ לידעל — 51
שאַ, שאַ, שאַ, שאַ, שאַ — 52
פייגעלע און דאס טייבעלע — 53
קינדערלעך — 54
דער פארצווייפעלטער — 55
דער גליקליכער טאָג — 56
מדינת ישראל — 57
התחיה — העברעאישע איבערזעצונג — 59-60
אידישער וואַנדערער — 61
ווען איז א ווייב גוט ? — 62
אין שול ביים דאַווענען — 63
עוואַלושאַן — פּיקניק־ליד — 64-65
דער וואָדעוויל חזן — 66
פּראָהיבישאָן ביים רבי׳ן — 67
פּיקניק־ליד „חברים“ — 68
פּיקניק־ליד — מיר פאָרן צוזאמען — 70
דייטשלאנד האָט געברענט — 71
איילע לולע אידעלע — שלאָף ליד — 72
ישראל מאַרשירט — 72
ראש השנה ערינערונג — 74
פּראָהיבישאָן ביים רבי׳ן — קאָמעדיע — 89

געזאַמעלטע לידער, באַארבעט פון מחבר

דער מאַנטל — 75
מענש, זיי ניט גענאַרט — 76
די צובראָכענע האַרץ — 77
וואָס זאָל איך ווערן — 78
שלום עליכם — 79
חתן כלה באזעצענס — 80
וואו נעמט מען אמאָליגע יאָרן — 82
מוזיקאַלישע קינדער־שפּיל — 83
קינדער־טאַנץ — 84
דער יעגער — 85
המאיר לארץ ולדרים — 87
השיבנו נאַזאַד — 88
חסידים און מתנגדים — 93

אינהאַלט פאַרצייכנונג

מוזיקאַלישע נומערן אָהן ווערטער

דעם פעטער׳ס גיגונים
גאָלדינג־גאָלדינג
וויג־ליד פון „קורלאַנד"
פאלערי פאַלעראַ
מאַרש פאר באַנד מוזיק — פון מחבר
מוזיק פאר טאַנצען — פון מחבר
חסידישע טענץ
קינדער טענץ

מוזיקאַלישע נומערן מיט ווערטער

מוזיקאלישע נומערען מיט ווערטער
אום אני חומה מיט ווערטער אין אידיש און העברעאיש
שיר המעלות — אַ ליד
שיר המעלות — צום בענטשען
מה טובו — צום אונטערהאַלטונג
אחד מי יודע — פון דער „הגדה" (אויף תרגום לשון)
קדית — אַ פריילינכעס פאר נאָך נעילה, שמחת תורה א.ד.ג.
כי לקח טוב — א תפלה, — פון משה אבא וויצמאַן
חתן־כלה באזעצונג
מנוחה ושמכה — און אלע שבת׳דיגע מזמרים
לפיכך אנחנו — באארבעט פון מחבר
בצות ישראל — באארבעט פון מחבר
שים שלום

פאַר די יעניגע וועלכע קענען ניט לעזען קיין נאָטן און ווילען קענען זינגען א געוויסען נומער פון דעם בוך זאָלן זיך ווענדען צום מחבר, און זיי וועלען קריגען א קליין רעקאָרד. דאס וועט זיי ערמעגליכען אויסצולערנען זיך לייכט און גוט די געוואונשטע מעלאָדיע.

מיר האָבען פאַר אייך צוגעגרייט אַ פּאָר קאָמישע לידער. זיינען זיי איינס אין אידיש און דאָס צווייטע אין דער ענגלישער שפּראַך. זיינען זיי אַזוי ווי אַ צווילינג. דאָס איז דערפאַר ווייל זייער אינהאַלט איז איינער אַזוי ווי דער צווייטער. אין אידיש הייסט דאָס ליד „ווען איז אַ ווייב גוט ?״ און אין ענגליש "Atomic Age Wife"

זע אינהאַלט פאַרצייכענט. ערציילונגען, שפּאַסיגע געשפּרעכען, דיכטונגען, פּאָעמען, לידער, אויך קינדער־לידער, קינדער־שפּיל, קינדער־טאַנץ. צוגעגרייטע פאר פּיאַנאָ. די לידער, וועלכע איר זעט אָנגעצייכענט מיט אַ שטערענדל * מיינט, אַז דאָס ליד האָט די מוזיק, וועלכע ווערט איינגיכען ארויסגעגעבען ווערען אין אַ באַזונדערער אויסגאַבע. די וועלכע זיינען פאַראינטערעסירט אין די מוזיקאַלישע נומערען, שרייבט צו דעם אָנגעגעבענעם אַדרעס אונטען.

איבערגעגעבען צום דרוק פון משה אבא ווייצמאַן.

Sponsored by A. Emmesh

For direct information write to

Morris Abba Weitzman
3744 N. 40th Street
Milwaukee, Wis.

אָפּגענאַרט דעם דאָקטאָר

שרה׳קע די שטיפּערקע, אַזוי פלעגט מען איר רופען, ווייל פון קינדוויז אָן פלעגט זי אָפּטאָן פאַרשידענע שפּיצלעך די קינדער אין חדר און אין גאַס, אַזוי אַז די מאַמע אירע פלעגט אָפּט קריגען קלאַגעם אויף איר.

„שרה׳קע די שטיפּערקע" האָט מען איר גערופען דערפאַר וואָס זי איז געווען זייער אַ פרייליכע. מיט יעדען איינעם האָט זי געהאַט עפּעס וואָס צו באַמערקען. זי איז געווען הויך און דין און מיט אירע לאַנגע פיס פלעגט זי אַרומשפּרינגען און מאַכען אַלעמען צום לאַכען. אַ כלל זי איז געוואָקסען אַ מויד אַ ברען.

זי האָט געהאַט אירע אייגענע גלייכווערטלעך. ווען זי איז אויפגעוואַקסען אַביסעל גרעסער, פלעגט זי מאַכען שפּאַס וואָס ביי אייניגע פלעגט דאָס אַרויסרופען שפּאַס און געלעכטער און ביי אַנדערע בייזקייט. צום ביישפּיל אויף אַ קורצען פעטלעכען מאַן פלעגט זי זאָגען: „אָה, ער איז קורץ, דיק און מאמבאר". זי פלעגט וועלען אָפּלאַכען פון געוויסע בעל מלאכות, פלעגט זי זאָגען אויף אַ שניידער (דהיינו): „פון אַלע שניידערם דער בעסטער שוסטער איז יאַנקעל דער שמיד". און פאַרקערט, אויף אַ שוסטער פלעגט זי זאָגען: „פון אַלע שוסטערם דער בעסטער שמיעד איז הירשע דער שניידער". און אויף א שמיד למשל פלעגט זי זאָגען: „פון אַלע שמידען דער בעסטער שניידער איז מענדעל דער סטאָליער". און אַזוי פלעגט זי דאָס זאָגען ווי אַזוי איר פלעגט דאָס בעסער אַריינפּאַסען נאָך דעם סאָרט מלאכה.

ווען זי איז עלטער געוואָרען האָט זי זיך אַנטוויקעלט שטאַרק פיזיש, מיט אַ זעלטען אָנציהענד עלעגאַנטע פיגור וואָס האָט אַלעמען באַצויבערט. פאַר אירע פלינקע און טאַנצענדיגע באַוועגונגען, אַזוי אַז יונגעלייט האָבען זיך אין איר גיך פאַרליבט. האָט זי טאַקע דעם שעהנעם יונגען מאַנדעלשטאַם אויסגעקליבען פאַר איר שטענדיגען ליבהאָבער.

ווען זי איז אויסגעוואַקסען און געוואָרען אַ פּולקאָמענע ליידי האָט זי אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן מיט אַ גרויסען שווינדעל וואָס האָט איר אַריינגעפירט אין אַ סך צרות. (זי האָט אויך אָנגעוואָרען איר חתן מיט ווען זי האָט געפּלאַנט צו גיין חתונה האָבען). אַז צו אַ חתונה, ווייסט זי, דאַרף מען האָבען אַ סך זאַכען, און וואָס מערער איז בעסער, דעריבער האָט זי אויסגעאַרבעט דעם ריכטיגען פּלאַן, נעמליך:

זי גייט אַוועק צו אַ געוויסען דאָקטאָר און דערקלערט אים אַז זי האָט אַ מאַן וואָס איז ניט אין גאַנצען נאָרמאַל. ער האָט אַזאַ קראַנקהייט וואָס ער רעדט שטענדיג וועגען געלט, אַזוי אַז יעדער איינער מיינט אַז ער איז אים שולדיג עפּעס. ווען ער טרעפט, פרעגט ער: „נו — קען איך ווייסען ווען וועל איך קריי-גען מיין געלט? ווען וועט איר מיר אָפּצאָלען דאָס געלט? ווען וועל איך שוין אַמאָל זען מיין געלט?” און אַזוי ווייטער און ווייטער. ער האַלט אין איין מאָנען געלט. און זי רעדט אָפּ מיטן דאָקטאָר אים צו ברענגען איר מאַן, ער זאָל אים אונטערזוכען און אויסגעפינען וואָס איז פאַר אַזאַ קרענק און זען וואָס ער קען טאָן צו אַזאַ קראַנקהייט. דער דאָקטאָר הערט איר אויס מיט גרויס אינטערעס און באַדויערט די געשיכטע. ער הייסט איר ברענגען איר מאַן, וועט ער אים עקזאַמענירען. זי באַדאַנקט אים זייער העפליך און זאָגט אים צו צו ברענגען אים ביי דער ערשטער געלעגענהייט. פון דעם דאָקטאָרר'ס הויז, גייט זי אַהיים און אַרבעט אויס גענוי דעם פאָלגענדען פּלאַן:

זי באַשטעלט אין אַ געוויסען טאָג אַ דרייווער פון אַ טעקסי אַלס שאָפער און פאָרט צו צו אַ דעפּאַרטמענט סטאָר, דערציילט זיי דאָרט אַז זי גייט אין גיכען חתונה האָבען און וויל זיך אויס-קלייבען אַלע זאַכען וואָס זי דאַרף האָבען צו דער חתונה. מיט גרויס צופרידענהייט האָט דער בעל הבית פון סטאָר איר צו-געשיקט אַ ספּעציעלען פאַרקויפער און געהייסען אים ווייזען די אַלע זאַכען וואָס זי דאַרף וועלכע זי וויל זיך אויסקלייבען. דער אָנגעשטעלטער האָט איר אַרומגעפירט אין יעדען ווינקל פון סטאָר ביז זי האָט אויסגעקליבען זיך די אַלע זאַכען וועלכע זי האָט געוואָלט האָבען און וועלכע זיינען איר געווען געפעלען. נאָכדעם האָט זי געבעטען דעם סיילסמאַן איר מאַכען די רעכענונג וויפיל זי דאַרף באַצאָלען פאַר די אַלע סחורות. דער אָנגעשטעלטער האָט איר געבראַכט די רעכענונג מיט אַ ביל פון 450 דאָל. זאָגט זי צום

סיילסמאַן: „גאַנץ גוט״. נעמט אַרויס אַ פּעקעל מיט געלט פון איר האַנט-טאַש, שיט אויס דאָס געלט אויפן טיש און פאַנגט אָן ציילען דאָס געלט. זי ציילט, ציילט און ציילט, ביז זי געפינט אַז זי האָט ניט געוואוסט געניו וויפיל עס וועט באַטרעפען די וואַרע, דעריבער מו זי פאָרען אַהיים און נעמען נאָך געלט. און אַזוי ווי איר מאַשין מיטן אָנטרייבער וואַרטען אויף איר, און זי ווייזט אָן דעם אָנגעשטעלטן וועלכע קאַר איז אירע, בעט זי דעם בעל הבית אַז ער זאָל מיטשיקען מיט איר אַ מענשען פון געשעפט צו איר אַהיים מיט די סחורות און אין הויז האָט זי נאָך געלט, וועט דער מאַן פון געשעפט אָפּנעמען דאָס גאַנצע געלט פאַר דער וואַרע. דער בעל הבית שטימט צו און הייסט דעם מענעדזשער, וועלכער האָט איר די וואַרע פאַרקויפט, מיטפאָרען צו איר אין הויז אַריין. די וואַרע ווערט דאַן אַרויסגעטראָגען צו איר אויטאָמאָביל און דער יונגערמאַן פאָרט מיט מיט איר. זי נעמט דאַן צוזאַמען דאָס געלט פון טיש און שאַרט צוריק אַריין צו זיך אין האַנט-טאַש.

דער יונגערמאַן זעצט זיך צוזאַמען מיט איר אַריין אין מאַשין און זי הייסט דעם שאָפער צו פאָרען. דער שאָפער, וועלכער האָט געטריבען די מאַשין, האָט זיי געפירט אויפן אַדרעס, אויף וועלכען זי האָט אים אָנגעזאָגט שוין פון פריער און ענדלעך האָט זיך די מאַשין אָפּגעשטעלט ביי דעם הויז פון דעם דאָקטאָר, און זי זאָגט דעם באַגלייטער אַז דער דאָקטאָר איז איר פאָטער און ער זאָל אַריינגיין מיט איר אין דאָקטאָר׳ס אָפיס און זי וועט הייסען דעם דאָקטאָר, איר פאָטער, אים באַצאָלען. זי פירט דעם באַגלייטער אַריין אין הויז און ווייזט אים אָן אויף אַ שטול, ער זאָל זיך אַוועקזעצן, ווייל זי גייט צו צום דאָקטאָר׳ס אָפיס, עפענט די טיר און זאָגט צום דאָקטאָר אַז זי האָט געבראַכט איר קראַנקען מאַן צו עקזאַמינירען און אַז ער וואַרט אין פאָר-דער-צימער. זי גייט דאַן צו צום יונגענמאַן און זאָגט אים אַז דער דאָקטאָר וועט אים באַלד געבען דאָס געלט, ווייל זי האָט געהייסען איר פאָטער באַצאָלען. הייסט דאָס ער זאָל וואַרטען אַ פּאָר מינוט. דער יונגערמאַן, נאַטירלעך, זיצט און וואַרט לע-בען דאָקטאָר׳ס אָפיס אויף דעם געלט.

זי, די יונגע דאַמע, שרה׳קע, הייסט עס, האָט זיך אויף גיך אַרויסגעכאַפּט דורך אַ זייטיגער טיר אין דרויסען אַרויס און געהייסען דעם שאָפער פאָרען צו זיך אַהיים.

דער באַגלייטער פון געשעפט זיצט, ווי געווייגלעך, אין דעם

ערשטען צימער, וואו מען ווארט אויפן דאָקטאָר פאַר אַ נעקסט, ביז דער דאָקטאָר עפענט די טיר, זיצט ער און ווארט אויף דעם געלט. ער האָט דאָך אַליין געזען דעם דאָקטאָר'ס טאָכטער אריינ־גיין אין אָפיס און האָט מסתמא געזאָגט איר פאָטער צו געבען אים דאָס געלט. געהערט וואָס זי האָט דעם דאָקטאָר געזאָגט האָט ער אָבער ניט, זיצט ער און ווארט אויפן געלט.

ענדלעך עפענט דער דאָקטאָר אויף די טיר און רופט דעם יונגענמאַן אריין אין אָפיס. דער יונגערמאַן, דער באַגלייטער, האָט זיך זייער דערפרייט וואָס ענדלעך וועט דער דאָקטאָר אים באַ־צאָלען. דער דאָקטאָר, מיינענדיג אַז דער יונגערמאַן איז דער קראַנקער, וועגען וועלכען די יונגע פרוי האָט אים דערציילט, קוקט אויף אים און באַטראַכט אים עטלעכע מינוטען, ווייל ער וויל זען די באַוועגונגען פון דעם קראַנקען, ווי ער האַנדעלט, וואָס זיינע געזיכט־צוגען זאָגען. אין אָנפאַנג האָט דער יונגערמאַן געשמייכעלט א צופרידענער, ווייל ער האָט געזען, אַז די יונגע פרוי האָט געטאָן ווי זי האָט געזאָגט און ער גייט באַלד קריגען די געלט. מיינענענדיג אַז די יונגע פרוי געפינט זיך דאָ ביי זיך אין הויז, האָט ער גאָר נישט פאַרדעכטיגט אַז זי איז פאַר־שוואונדען מיט די סחורות. ער איז אַריינגעקומען צום דאָקטאָר מיט זיין געשעפטלעכען שמייכעל און האָט אים זייער שיין און העפלעך באַגריסט. דער דאָקטאָר ווידער, וויסענדיג אַז דער מאַן איז קראַנק, ווי די יונגע פרוי האָט אים דערציילט, האָט אים געלאָזט זיצען ביי זיך אין אָפיס כדי אים צו באַטראַכטען פון דער ווייטען, האָט אים געהייסען נאָך אַביסעל צוזווארטען. דער יונגערמאַן פאַנגט אָן זיך וואונדערען פאַרוואָס דער דאָקטאָר לאָזט אים אַזוי לאַנג ווארטען. דער דאָקטאָר איז דערווייל פאַר־נומען, ביזי, דאָ מיטן טעלעפאָן, דאָ מיט זיין געהילף וואָס קומט אָפט אַריין אים צו פרעגען עפּעס. ווערט שוין דער יונגערמאַן אַביסעל אומרואיג און ער פאַנגט אָן עטוואָס מיט זייער אַ ביז־נעסמעסיגען וועג צו פרעגען העפלעך דעם דאָקטאָר אויב ער ווייסט וויפיל געלט ער דאַרף אים געבען. דער דאָקטאָר, וויסענ־דיג וועגען זיין קראַנקהייט, נעמט זיך צייט און לאָזט אים וואַר־טען.

ענדלעך גיט דער דאָקטאָר אים אַ וואונק און ווייזט אים אָן אויף דעם שטול, אויף וועלכען ער דאַרף אים עקזאַמענירען, ער זאָל זיך אַוועקזעצען. דער יונגערמאַן שטייט און קוקט מיט

דערשטוינונג אויף דעם וואָס דער דאָקטאָר גייט דאָ טאָן. דער דאָקטאָר ווייזט אים ווידער אָן אויפן שטול. זעענדיג אַז דער דאָקטאָר גיט אים ניט קיין געלט און הייסט אים זיך זעצען אויפן טשער צו ווערען אונטערזוכט, ווערט דער יונגערמאַן זייער נערוועז און ער פרעגט דעם דאָקטאָר: „דאָקטאָר, פּליז, ווייסט איר אַז איך וואַרט אויף געלט?...” זאָגט דער דאָקטאָר: „יעס, איך וויים”. דער דאָקטאָר, וויסענדיג אַז דער יונגערמאַן וועט אַזאַ פראַגע פרעגען, נעמט אים ניט ערנסט און זאָגט צו אים: „איך וועל אייך אונטערזוכען אייערע נערוועז, איר זענט ניט געזונט. זייט אזוי גוט און טוט זיך אויס די קליידער”. דער יונגערמאַן ווערט דערשטוינט פון דעם דאָקטאָר'ס רייד, ווייל ער ווייסט ניט וואָס דאָ קומט פאָר און ער פרעגט ווידער דעם דאָקטאָר: „זייט אַזוי גוט, דאָקטאָר, פאַרוואָס קען איך ניט קריגן דאָס געלט? איך וואַרט אַזוי לאַנג”. דער דאָקטאָר קימערט זיך ניט אויף זיינע געלט-פראַגען און מאַכט אַ באַוועגונג צוצופירען זיין פּאַציענט צום בעטעל און זען ווי מעגלעך איז צו אונטערזוכען אים פאָרזיכטיג ווי אַ דאָקטאָר'ס אויפגאַבע איז. דער יונגערמאַן ווערט שוין אַביסעל אויפגערעגט און פאָדערט דאָס געלט מיט אַ בייזען טאָן. דער דאָקטאָר רעדט צו אים ווייך און געלאַסען. „יונגערמאַן”, זאָגט דער דאָקטאָר, „איך וויל אייך העלפען. איך דאַרף אייך אונטערזוכען. זייט ניט אויפגערעגט. עס וועט ניט נעמען לאַנג. איך וויל מעסטען אייער בלוט”. „מיין בלוט האָט איר שוין גענומען ניט מעסטענדיג, זייט אַזוי גוט, דאָקטאָר, איך מוז האָבען מיין געלט”, זאָגט דער יונגערמאַן. „נו, יאָ, מיין ליבער יונגערמאַן, איך אַלס דאָקטאָר מוז טאָן מיין פליכט”, ענטפערט דער דאָקטאָר. און דער דאָקטאָר מאַכט אַ באַוועגונג מיט געוואַלד אים צו זעצען אויפן בעטעל, כדי צו מאַכען מעגלעך די אונטערזוכונגכונג.

דער יונגערמאַן איז שוין געוואָרען אומגעדולדיג און בייז און מיט אַ שטאַרקער שטימע גענומען שרייען צום דאָקטאָר: „איך מוז שוין קריגען דאָס געלט”. דער דאָקטאָר, איינזעענדיג אַז ער קען אַליין מיט אים גאָר ניט מאַכען, האָט אַריינגערופען זיין געהילף אים צו העלפען, ווייל דאָס איז גאָר אַ מאָדנער שווערער פּאַציענט. דער דאָקטאָר מיט זיינע צוויי געהילפס-דאָקטורים האָבען גענומען דעם פּאַציענט אַביסעל מיט גוטען און אַביסעל מיט געוואַלד און פּרובירט אים אַוועקלייגען אויפן בעטעל.

דער יונגערמאַן ווערט שוין איצט שרעקלעך צעשראָקען פון אַזאַ האַנדלונג פון דאָקטאָר און ער פאָדערט פון אים אַ דער־קלערונג. דער דאָקטאָר זאָגט אים: „אַ דערקלערונג וועל איך אייך געבען נאָך דעם ווי איך וועל מאַכען די אונטערזוכונג". פרעגט דער סיילסמאַן דעם דאָקטאָר: צו וואָס מאַכען אַן אונ־טערזוכונג? אויב אונטערזוכען דאַרפט איר אייער טאָכטער". פרעגט דער דאָקטאָר: „וואָס פאַר אַ טאָכטער?" און איצט זעט שוין דער דאָקטאָר אַז זיין פּאַציענט ווייס נעבעך טאַקע ניט וואָס ער רעדט. האָט ער מיט זיינע צוויי געהילפען גענומען דעם יונגענמאַן מיט געוואַלט, אַוועקגעלייגט אויפן בעטעל און גענומען אונטערזוכען.

דער יונגערמאַן, זעענדיג אַז ער איז דאָ אַריינגעפאַלען, האָט זיך שטאַרק דערשראָקען און ניט פאַרשטייענדיג וואָס זיי ווילען מיט אים טאָן, האָט גענומען זיך רייסען פון זייערע הענט און זיך ניט געלאָזט אונטערזוכען. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם טעלעפאָן און גענומען רופען די פּאָליציי צו הילף.

די פּאָליציי איז געקומען און האָט גענומען אויספרעגען אַלע איינצעלהייטען ביים דאָקטאָר און ביי דעם יונגענמאַן. דער יונגערמאַן פרעגט: „וואו איז דעם דאָקטאָר'ס טאָכטער?" דער דאָקטאָר פרעגט: „וואו איז דעם יונגענמאַנ'ס פרוי?" דער דאָקטאָר זאָגט: „איך האָב ניט קיין טאָכטער". דער יונגערמאַן זאָגט אַז ער האָט ניט קיין פרוי. ביז עס האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז אַ יונגע פרוי האָט דאָ דורגעפירט אַ גרויסען שווינדעל. זי האָט אָפּגענאַרט דעם דאָקטאָר, די געשעפט־הויז און דעם יונגענמאַן.

טייערער לייענער — אויב איר ווייסט ערגעץ וואו די שווינד־לערקע געפינט זיך, זייט אַזוי גוט און גיט מיר צו וויסען וועגען דעם, ווייל די פּאָליציי זוכט איר נאָך.

דער מזל'דיגער בעטלער

זיין גאַנץ לעבען איז ער געווען אַ בעטלער, דאָס הייסט גאַנץ איינפאַך: ער פלעגט גיין מיט אַ טאָרבע. איבערהויפט פלעגט ער גיין אין די הייזער און אין די וואָס מען רופט אָן די „הויפען" וואו עס וואוינען די פּריצים, באַראָנען און גראַפען. געלעבט האָט ער אין דעם לאַנד וואָס מען רופט „קורלאַנד", וואו עס געפינען זיך די באַוואוסטע גוט-באַזיצער. די אידען רופען זיי „בעלי-גופים". דאָס איז ניט גראָד קיין דאָרף, נאָר מער ענלעך צו דעם אַמעריקאַנער „פאַרמער". דאָס זיינען פויערים פון דעם פיינערען סאָרט. מען רופט זיי דאָס „לאַטווישע" פאָלק. זייער שפּראַך איז לאַטוויש און זיי ריידען אויך דייטש. יעדער בעל-הגוף האָט זיין אייגן הויז, אַ ווירטשאַפט און אַלע געביידעס ווי שטאַלען און קלייטען. יעדעס הויז-געזינד וואוינט באַזונדער, ניט ווי אין די ליטווישע דערפער.

אין יענער געגענט פון קורלאַנד געפינען זיך איניגע גוט באַוואוסטע הויפען וואו עס וואוינען באַראָנען און גראַפען. אַט דאָ געפינט זיך, אָדער עס פלעגט זיך געפינען, דער באַוואוסטער הויף וואָס מען פלעגט רופען „עליו'ס הויף". דאָ פלעגט זיך גע-פינען דער שלאָס אין וועלכען עס האָט געוואוינט דער גראַף. דער שלאָס איז באַשטאַנען פון דריי גרויסע ווייסע געביידעס. מען פלעגט זאָגען אַז אין דעם שלאָס געפינען זיך אַזוי פיל פענסטער וויפיל טעג אין יאָר.

ווען איר קומט צו צום אַריינגאַנג צום הויף נעבען טויער זעט איר שטיין צוויי ווייסע לייבען. אין דער צייט ווען דער גראַף אַליין פלעגט זיך געפינען אין שלאָס פלגט מען אַרויס-הענגען אַ פאָן אַלס צייכען אַז דער גראַף איז אין דער היים. ווען איר גייט פאַרביי די שטאַלען וואו עס געפינען זיך דעם גראַפ'ס פערד ווערט איר פאַרוואונדערט ווי שיין און ריין די שטאַלען זיינען. זיי זיינען ווירקלעך זויבער.

אַט דורך דער דאָזיגער „קורלאַנדער גובערניע" ציט זיך דער

באַוואוסטער שאָסיי, דאָס וואָס מען רופט אין אַמעריקע אַ (הײַ־ווייַ), וואו עס לויפען היינט אויטאָמאָבילען.

מאַכט זיך אַז אין אַ געוויסען טאָג גייט דער בעטלער ווי געוויינלעך אויף דעם דאָזיגען שאָסיי. ווען ער איז מיד געוואָרען, האָט דער אַלטער בעטלער אַוועקגעלייגט זיין טאָרבע מיטן שטעקען און האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבען דער זייט פון דעם שיינעם פיינעם ברייטען וועג, זיך אַביסעל אָפּרוען פון זיין לאַנגען וואַנדערען.

זיצענדיג אַזוי מיט דער טאָרבע אָן דער זייט פון וועג, האָט זיך דער בעטלער פאַרטראַכט און האָט אָנגעפאַנגען פילאָזאָפירען וועגען דער וועלט און וועגען זיך אַליין. נאַטירלעך האָט ער געטראַכט מער וועגען זיך. וואָס וועט זיין פון זיין בעטלער'ס לעבען. ער האָט אַזוי פיל יאָרען און יאָרען פאַרבראַכט אין בעטלעריי און איצט אויף דער עלטער דאַרף ער זיך נאָך אַרומגיין און בעטלען. זיצט ער און קלערט פון זיין פאַרגאַנגענהייט און אויך פון זיין צוקונפט. וואָס וועט זיין פון אים? אַלס אָרעמער בעטלער, פילט ער אַז ער איז שוין מיד פון וואַנדערען. ער איז עלענד, אַלט און שוואַך. ער זיצט און באַטראַכט די וועלכע פאָרען אים פאַרביי און פון ציַיט צו ציַיט גייט אויך אַמאָל איינער פאַרביי דורך דעם ברייטען שאָסיי. און אַזוי זיצענדיג און טראַכטענדיג רעדט ער צו זיך: „יאָ, דו אָרעמער בעטלער, דו האָסט אָפּגעלעבט אַלע דיינע יאָרען אין איינזאַמקייט, אין עלענדקייט, קיין מאָל קיין פאַרגעניגען ניט געהאַט פון לעבען”. און אַזוי זיצענדיג און טראַכטענדיג וועגען זיין צוקונפט, קומט אים אויפן געדאַנק אַז ער האָט שוין געלעבט גענוג אַלס בעטלער און ער האָט ענדלעך געמאַכט אַ פּלאַן ביי זיך אין געדאַנק.

זיצט דער אַלטער בעטלער ווייטער אויף דעם זייט פון וועג און באַטראַכט גוט אַלע דורכפאָרער און דורכגייער. פּלוצלונג זעט ער דורכפאָרען זייער אַ רייכע און שיינע קאַרעטע, גרויסאַרטיג געשפּאַנט מיט פיר פערד און מיט אַ שטאָלצען קוטשער געקליידעט ווי אַ גראַף. אינעווייניג, אין דער קאַרעטע, זיצען אַריסטאָקראַטישע לייט, וואָס זיינען פריילעך און פול מיט פאַרגעניגען. ער האָט נאַטירלעך באַלד פאַרשטאַנען אַז דאָס מוז זיין דער גראַף אָדער אַ באַראָן, ווייל דאָס רייכקייט און שיינקייט האָט אַרויסגעשיינט פון וויַיטען. אָבער אויף אים האָט מען ניט געשאָנקען קיין שום אויפמערקזאַמקייט. זיי זיינען אַוועק זייער

וועג. „יאָ, יאָ, רעדט ער ווייטער צו זיך, אַט אַזאַ לעבען ווי די אַריסטאָקראַטען, וועלכע זיינען איצט דורכגעפאָרען, אַט אַזאַ סאָרט לעבען וואָלט איך זיך געוואונשען צו האָבען, אַז דו שווירפלע (אַזוי איז געוועזן זיין נאָמען) אַז שווירפלע זאָל כאָטש דריי טעג איידער ער וועט שטאַרבען זאָל געניסען פון אַזאַ סאָרט לעבען אין פריילעכקייט, וואוילטאָג און פאַרגעניגען. בלויז דריי טעג נאָר, דאַן קענסטו שטאַרבן", אַזוי האָט ער גערעדט צו זיך.

נאָך דעם ווי דער אַלטער שווירפלי האָט אַזוי גערעדט און אַזאַ וואונש זיך געשטעלט, האָט ער גענומען זיין טאָרבע מיטן שטעקען און איז ווייטער געגאַנגען זיין וועג ווי געוויינלעך פון איין פלאַץ צו אַ צווייטען, פון איין הויז צו אַ צווייטער מיט די בעטלערישע ביזנעס זיינע ביז זיינע פיס האָבען אים אַריינגע-פירט אין דעם הויף פון דעם גראַף.

אַריינקומענדיג צום גראַף אין הויז אַריין איז נאַטירלעך אַז ער גייט ניט ווייטער ווי אין דעם הויז וואו עס וואוינען די באַדינער, די קנעכט, די קוכערס און קוכערנס א. אַז. וו. שטענ-דיג ווען ער קומט אַריין שטעלט ער זיך אויף די קני, צלמ'ט זיך איבער עטלעכע מאָל און זאָגט עפּעס געוויסע תפילות, און ער דערוואַרטעט אַז מען זאָל אים עפּעס געבען אין דער טאָרבע אַריין. אַזוי פּאַסירט עס אַלע מאָל, ווען ער קומט אַהין אַריין. אָבער איצטער זעט ער אַז עס איז גאַנץ אַנדערש. ער שטייט און שטייט, רעדט און רעדט, וואַרט און וואַרט, און קיינער פון די לייט אין הויז באַמערקען אים גאָר ניט. יעדערער איז פאַרטאָן אין זיין אַרבעט און וועגען אים מאַכט זיך קיינער ניט ווי סענדיג. ער שטייט און וואונדערט זיך וואָס דאָס קען זיין, וואָס האָט עפּעס פּאַסירט. ער זעט אַז עפּעס האָט דאָ פּאַסירט, ווייל יעדער איינער איז פאַרטאָן, פאַרזאָרגט און אומעטיג. און אַזוי וואונ-דערענדיג זיך האָט ער באַשלאָסען אַז ער מוז אויסגעפינען וואָס דאָ קומט פאָר. ער האָט אָפּגעשטעלט איינעם פון די באַדינער וואָס איז דורכגעלאָפען פאַרביי אים און אים געפרעגט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. מען האָט אים אפילו ניט געוואָלט ענטפערען. יעדער איינער איז געלאָפען פון איין צימער אין אַנדערען, זייענ-דיג פאַרנומען, און קיינער האָט זיך אויף אים גאָר ניט אומגעקוקט.

ער שטייט אַזוי ווייטער, צלמ'דיג זיך און זאָגענדיג זיינע תפילות, אָבער די מענשען אין הויז זיינען פאַרנומען מיט אַנ-דערע זאַכען, זיינען פאַרזאָרגט וועגען עפּעס, זיינען פאַר'דגאה'ט,

צעטראָגען. ענדלעך איז ער צוגעשטאַנען צו איינעם פון די פאַרבייגייער און אים געבעטען צו דערקלערען וואָס דאָ קומט פאָר. און אָט וואָס ער האָט אויסגעפונען:

דער גראַף האָט געהאַט אַ זייער טייערען רינג און דער רינג איז ביי אים פאַרפאַלען געוואָרען. דער גראַף האָט באַשול־דיגט אַלע זיינע מענשען פון דעם „גוט” און הויז־געזינד. איז אַזוי ווי דער גראַף וויים דאָך ניט וועמען צו באַשולדיגען, האָט ער געגעבען אַ באַפעל אַז אַלע זיינע באַדינער, קנעכט און מענשען, וואָס אַרבעטען ביי אים אין הויף, אַז אויב זיי וועלען ניט אויס־געפינען אין משך פון צען טעג ווער עס האָט דעם רינג, וועלען זיי אַלע מוזען פאַרלאָזען דעם הויף מיט זייערע פאַמיליעס און וועלען פאַרלירען די שטעלעס. ער האָט דאָס געגעבען אַ שטרענגן באַפעל און געסטראַשעט דורכצופירען די גזירה. אָבער קיינער פון הויף וויים גאָר ניט וואָס צו טאָן וועגען דעם.

ווי איבעראַשט און דערפרייט זיינען אַלע מענשען פלוצלונג געוואָרען ווען דער אַלטער בעטלער האָט אַ זאָג געטאָן צו אַלע־מען: איך וויים וואו דער רינג געפינט זיך. גייט זאָגט דעם גראַף, אַז איך וועל אים געפינען דעם רינג”.

אייניגע הויף־מענשען זיינען באַלד אַוועקגעלאָפען צום גראַף און אים איבערגעגעבן דאָס וואָס דער אַלטער בעטלער האָט זיי געזאָגט.

דער גראַף איז געוואָרען נייגעריג צו וויסען וואו דער רינג איז און איבערהויפט ווער איז דער אַלטער וואָס וויים פון דעם רינג און ווער עס איז דער גנב. האָט דער גראַף באַלד געהייסען ברענגען דעם אַלטען צו זיך. עס האָט ניט גענומען לאַנג און מען האָט דעם בעטלער געבראַכט צום גראַף. דער גראַף האָט באַלד אויפגענומען דעם בעטלער מיט גרוים אינטערעס און האָט אים גענומען אויספרעגען וועגען דעם רינג מיט די זעלטען טייער דימענדען און אים געבעטען דערציילען אַלץ וואָס ער וויים וועגען דעם רינג. „יאָ, גנעדיגער האַר, עס איז אמת. איך וויים ווי אַזוי צו געפינען דעם רינג. איך זאָג דיר צו, אַז איך וועל דעם רינג געפינען, נאָר מיט איין באַדינג, אויב דו וועסט טאָן איין זאַך וואָס איך וועל דיך בעטען. אויב דו וועסט טאָן פאַר מיר מיין פאַרלאַנג, דאַן וועל איך דיר אַלץ אויסזאָגען. איין זאַך וועל איך דיר זאָגען, איך וועל ניט פאָדערען פון דיר קיין שום זאַך וואָס דו קענסט ניט אויספירען, וואָס איז פאַר דיר צו שווער, נאָר דאָס

וואָס דו קענסט גראָד גאַנץ גרינג דורכפירען, אויב דו וועסט נאָר וועלען". „נו, גוט, מיין פריינד, איך וועל דיין פאַרלאַנג דערפילען. זאָג מיר וואָס איז דיין פאַרלאַנג?" האָט דער גראַף געפרעגט.

„נו, גוט, מיין טייערער הער גראַף. אָט הער מיין פאַרלאַנג צו דיר. ווי דו ווייסט בין איך געקומען צו דיר אין דיין הויף עקסטרע אויסצוגעפינען ווער דער גנב פון דיין רינג איז. דעריבער פאַרלאַנג איך פון דיר ניט קיין גרויסע זאַכען. איז, ווי דו ווייסט, אַז איך האָב פאַרבראַכט זייער אָן אָרעמן לעבען אַלע מיינע יאָ־רען, וויל איך פאַרזוכען דעם גענוס פון האָבן א גוטען פריי־לעכען לעבען מיט אַלע פאַרגעניגענס, מיט אַלץ וואָס דו קענסט נאָר באַהויפּטען, און דאָס פאַרלאַנג איך בלויז פאַר דריי טעג נאָר, און איך זאָג דיר צו אַז אויב איך וועל דעם רינג דיר ניט אָפּגעבען, קענסטו מיך באַשטראָפען אפילו מיטן טויט, און טאָן מיט מיר וואָס דו ווילסט נאָר אַליין.

באַמערקונג: די לייענער קענען ביי דעם פּונקט פאַרשטיין אַז דעם צוזאָג וואָס ער האָט דעם גראַף געגעבען אַז אויב ער וועט דעם רינג ניט געפינען, קען דער גראַף טאָן מיט אים וואָס נאָר ער וויל אפילו באַשטראָפען מיטן טויט, איז ווייל דער בעט־לער ווייס דאָך אַליין ניט ווער דער גנב פון רינג איז. ער זאָגט דאָס נאָר דעם גראַף אַזוי כדי אַרויסצוקריגען פון אים זיינע גע־וואונשטע דריי טעג לעבן פון געגוס מיט פריילעכע, גליקלעכע און צופרידענע טעג מיט אַלע פאַרגעניגענס, כדי אָפּצומאַכען פאַר די אַלע זיינע יאָרען פון גרויסע אָרעמקייט וואָס ער האָט פאַרבראַכט, און אויך זייענדיג זיכער אַז ער ווייס דאָך פאַרט ניט ווער דער גנב פון רינג איז, מוז ער דאָך דערוואַרטען אַ שטראָף פון גראַף פאַר אָפּנאַרען אים ,איז ער דאריבער צופריי־דען מיט זיין וואונש פאַר דריי גליקלעכע טעג און גענוג לעבען).

איצט לייענט ווייטער און שטוינט...

נאָך דעם ווי דער גראַף האָט געהערט פון דעם אַלטען מאַן אַז ער פאַרזיכערט אים צו געפינען זיין טייערען דיימאָנד רינג, אויב ניט קען ער אים באַשטראָפען אפילו מיטן טויט, איז דער גראַף געווען צופרידען דורכצופירען זיין פאַרלאַנג אויפן העכ־סטען און בעסטען און שענסטען אופן.

דער גראַף האָט באַלד געגעבען אַ באַפעל צו זיינע מענשען דורכצופירען דעם בעטלער'ס פאַרלאַנג ווי געהעריג איז. מען האָט באַלד געמאַכט אים פאַר אויס בעטלער און ער איז געוואָרען

דער גאַסט פון הויף. מען האָט אים באַלד געפירט אין באָד, אַרומגעוואַשען, אַרומגעשאָרען. די באַדינער האָבען באַלד צוגע־גרייט אַ באַזונדער שיינעם צימער מיט די שענסטע מעבעל, מען האָט אים אָנגעטאָן נייע קליידער מיט שיינע צירונג, געגעבען אים דאָס שענסטע עסען און טרינקען. נאָך דעם עסען האָט מען אים געפירט שפּאַצירען אין דעם גראַפ׳ס קאַרעטע מיט אַ קוטשער. מען האָט געשפּילט פאַר אים מוזיק, געטאַנצט. מען האָט געטאָן אַלץ וואָס ער האָט פאַרלאַנגט אים צו מאַכען פריילעך און געבען אים פאַרגעניגען. אַזוי איז אַוועק דער ערשטער טאָג, ביז עס איז געקומען דער אָווענד פון דעם ערשטען טאָג, ווען ער האָט גע־דאַרפט גיין צו זיך אין צימער אַריין צו שלאָפען.

דאָ האָבען זיך אַלע מענשען פון הויף צוזאַמענגעקליבען אַרום אים, זיך אויסגעשטעלט אין צוויי רייען אין גרויסען זאַל, וואָס פירט צו זיין שלאָף־צימער, און געמאַכט אַ גרויסע וואָרע פאַר אים (אַ פאַראַד). איידער ער האָט גענומען גיין צום שלאָף־צימער האָט מוזיק געשפּילט און ער האָט זיך דורכגעשפּאַצירט דורך די צוויי רייען מענשען. אַלע האָבען געפּאַטשט מיט די הענט, כדי אים מאַכען פילען גוט. אָט אַזוי האָט ער זיך מיט שטאָלץ און ווירדע צוגעשפּאַצירט צו זיין צימער און זיך אַוועק־געזעצט אויפן בעט.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט זיך אָפּרוען פון דעם גרויסען טאָג מיט די פילע פאַרגעניגענס וואָס מען האָט אים צוגעטיילט און האָט זיך טאַקע באַנומען ווי אַ גרויסער פּריץ מיט אַ ברייטלעכקייט און מיט אַ צופרידענעם שמייכעל. ער האָט זיך אַביסעל אונטערגעזונגען ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ צערעמאָניע, ביז, ביז, זיצענדיג אַזוי, איידער ער האָט גענומען זיך אויסטאָן די קליידער, האָט ער זיך אַ זאָג געטאָן צו אַלעמען: „יאָ — איינעם האָב איך שוין". (דאָס האָט ער געמיינט ביי זיך אין הארצען אַז איין טאָג האָט ער שוין: צוויי טעג בלייבען אים צו לעבען). די מענשען אַרום האָבען אים געהאָלפען זיך אויסטאָן די קליידער און די שיך און אים געוואונשען אַ גוטע נאַכט און געלאָזען אים גיין שלאָפען.

אויף מאָרגען אין דער פרי און אַ גאַנצען טאָג איז ווידער פאָרגעקומען די זעלבע צערעמאָניעס ווי אין ערשטען טאָג: גע־געסען, געזונגען, געפאָרען שפּאַצירען, זיך גוט פאַרבראַכט אַ גאַנ־צען טאָג מיט אַלע פאַרגעניגענס, ביז, ביז, ביז עס איז געקומען

דער אָוונט, ווען ער האָט זיך גענומען גרייטען צו גיין שלאָפען. אַלע מענשען האָבען ווידער געמאַכט אַ פּאַראַד פאַר אים אַזוי ווי נעכטען, דעם ערשטען טאָג. און ווען ער האָט זיך ענדלעך געזעצט אויפן בעט זיך אָפּרוען פון דעם 2טען טאָג פאַרברענגעכץ, האָט ער ווידער אַרויסגעזאָגט די ווערטער: „יאָ — צוויי האָב אך שוין".

אויף דריטען טאָג איז ווידער פאַרגעקומען די זעלבע צערעמאָניעס, ווי אין די פריערדיגע צוויי טעג ביז, ביז דער נייער גאַסט האָט געדאַרפט גיין צו זיך אין צימער אריין צו שלאָפען און עס איז פאָרגעקומען אַזוי ווי אין די פריערדיגע צוויי אָוונטען: די מענשען האָבען אים מיט גרוים פּאַראַד באַגלייט ביז צו זיין בעט און ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין בעט זיך אָפּרוען, האָט ער ווידער אַרויסגעזאָגט די דריי ווערטער: „יאָ, יאָ — איך האָב שוין אַלע דריי".

עס זיינען געווען דריי פון די גאַר נאָענטע באַדינער צום גראַף וואָס האָבען דעם רינג גע'גנב'עט. די דריי שותפים, וועלכע האָבען צוזאַמען גע'גנב'עט דעם רינג, האָבען זייער זיך געשראָקען פאַרן אַלטען געטלעכען וואונדערלעכן מענשען. זיי האָבען אַליין געהערט ווי ער האָט געזאָגט „ער האָט שוין אַלע דריי". זיי זיינען געווען שוין זיכער אַז ער ווייס ווער די דריי זיינען און האָבען אָנגעפאַנגען טראַכטען וואָס מען טוט אַז דער הייליגער געטלעכער מענש זאָל זיי ניט אַרויסגעבן. האָבן זיי באַשלאָסען זיך מודה צו זיין פאַר דעם וואונדערלעכען מאַן אבי ער זאָל זיי אויסהיטען פון אַן אומגליק. די נאַכט האָבען זיי שוין ניט געקענט איינשלאָפען. זיי זיינען געלעגן און געוואַרט אַז עס זאָל שוין ווערען אין מיטען נאַכט, ווען אַלע שלאָפען, כדי זיי זאָלע קענען ריידן מיטן הייליגען מאַן אום ער זאָל זיי קיין שלעכטס ניט טאָן.

נאָך איינער איז געווען וואָס האָט שוין די נאַכט ניט געקענט שלאָפען. דאָס איז געווען דער אַלטער בעטלער, היינט נאָך אַלץ אַ גרויסער פּריץ. ער ליגט און קלערט שוין פון זיין ענדע. ער זעט שוין דעם ביטערען סוף. ער ווייס ניט וואָס עס וועט זיין ווייטער. ער קען נאָר זאָגען דעם גראַף, אַז ער זאָל טאָן מיט אים וואָס ער וויל. קיין רינג האָט ער ניט געפונען, קען ער נאָר דערוואַרטען דעם טויט.

און אַזוי ליגענדיג און טראַכטענדיג, הערט ער פּלוצים ווי עמיצער קלאַפּט אין זיין פענסטער און מען רעדט צו אים זייער

שטיל. ער זעט דריי לייט ביים פענסטער. ער גייט צו צום פענ־סטער און די לייט זאָגען אים אַז זיי האָבען מיט אים וויכטיגעס צו ריידען. ער פרעגט וואָס זיי ווילען. זיי האָבען אים דערקלערט: „טייערער, גנעדיגער, הייליגער מאַן. מיר האָבען געזען אַז דו האָסט אין די דריי טעג וואָס דו געפינסט זיך דאָ אין הויף, דער־קענט אונז דריי וועלכע האָבען גע׳גנב׳עט דעם רינג. מיר בעטען איצט ביי דיר, האָב אויף אונז רחמנות. אויב דו זאָגסט אונז צו, אַז דו וועסט אונז פאַרן גראַף ניט אַרויסגעבען, וועלען מיר דיר איבערגעבען דעם רינג, דו זאָלסט אים אָפּגעבען דעם גראַף. גרויסער הייליגער מענש, דו האָסט יעדען טאָג דערקענט איינעם פון אונז, זיינען מיר איצט געקומען דיר איבערגעבען דעם רינג.

דער הייליגער מענש האָט זיי צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיי ניט אַרויסגעבען און זיי האָבען אים געגעבען דעם רינג דורכן פענסטער און אים באַדאַנקט פאַר אויסהיטען זיי פון אַן אומגליק.

ווען דער אַלטער האָט דערהערט און דערזען אַזאַ זאַך, האָט ער זיך דערפרייט און האָט גענומען טראַכטען וואָס ער זאָל טאָן מיטן רינג. ער וויל דאָך די דריי לייט ניט טאָן קיין שלעכטס און זיי איבערגעבען צום גראַף. און אַזוי טראַכטענדיג און קלערענ־דיג האָט ער זיך דערטראַכט צו אַ פּלאַן, ווי (כלומרשט) צו גע־פינען דעם גנב. ער האָט זיך באַלד נאָך דעם געלייגט שלאָפען אַ צופרידענער.

אויף מאָרגען, אויפן 4טען טאָג, האָט דער גראַף געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד צו זען דעם אַלטען וואונדערלעכען גוטען מענשען, וועלכער האָט אים צוגעזאָגט צו געפינען דעם גנב פון רינג. דער גראַף האָט אויסגעקליבען דריי פון זיינע נאָענטסטע באַדינער און געהייסען זיי ברענגען צו אים דעם אַלטען גוטען מאַן (דאָס זיינען געווען די דריי נאָענטסטע באַדינער פון גראַף, וועלכע האָבען דעם רינג גע׳גנב׳עט). עס איז דאָך פאַרשטענדלעך אַז נאָר גאָר נאָענטע באַדינער צום גראַף האָבען געקענט באַ־וויזען צוצו„גנב׳ענען דעם רינג. ווען דער גראַף האָט די דריי לייט געהייסען ברענגען צו אים דעם וואונדערלעכען מאַן, איז ווען זיי זיינען געקומען צו אים, האָט דער אַלטער מאַן זיי דערקענט אַלס די וועלכע האָבען אים איבערגעגעבען דעם רינג. זיי האָבען דעם אַלטען געזאָגט אַז דער גראַף וויל אים זען. אין דער זעלבער צייט האָבען זיי אים געבעטען זייער שטאַרק מיט טרערען אין די אויגען אַז ער זאָל זיי ניט אַרויסגעבען פאַרן גראַף אַלס די גנבים

פון דעם רינג. דער גוטער מענש האָט זיי פאַרזיכערט, אַז ער וועט זיי ניט טאָן קיין שלעכטס, אַז ער וועט זיי ניט פאַרראַטען. און ער איז מיט זיי געגאַנגען צום גראַף.

איצט האָט זיך דער אַלטער מאָן מאַקע געפילט זייער שטאָלץ און צופרידען און איז געגאַנגען אַ פריילעכער צום גראַף, ווי עס פאַסט פאַר אַ געטלעכען וואונדער-מענש.

אַריינקעמונעדיג צום גראַף, האָט ער געזאָגט מיט גרויס ווירדע און שמייכלענדיג אַ פריילעכען „גוט-מאָרגען".

„נו, גוטער אַלטער מענש, פרעגט דער גראַף, וואָס גוטעס האָסטו מיר צו זאָגען?"

(די דריי באַדינער שטייען און ציטערען און ווילען הערען וואָס ער וועט זאָגען. עס האָבען זיך אויך צוזאַמענגעקליבען אַנדערע מענשען פון הויף צו הערען וואָס דער אַלטער וועט דעם גראַף זאָגען).

„יאָ, טייערער גנעדיגער גרויסער האַר. איך קען דיר זאָגען, אַז איך האָב גוט אויסגעפרעגט און אויסגעשפירט דיינע מענשען אין הויף און איך קען דיר זאָגען אַז צווישען אַלע דיינע מענשען אין הויף איז ניט פאַראַן קיין גנבים".

„נו, פרעגט דער גראַף, טאָ וואו איז דער רינג?"

„יאָ טייערער הער גראַף, איך בין נאָך ניט פאַרטיג. איך מוז נאָך זוכען דעם גנב אין די שטאַלען צווישען דיינע בהמות, פערד, קי, שעפסען, ציגען, אינדעקעס א. אז. וו.".

דער גראַף איז שוין געוואָרען איצט אַביסעל דיסאַפּאָינטעט, אומצופרידען. נאָר אַז דער גוטער קלוגער מענש הייסט זוכען, האָט ער געהייסען אַרויסשיקען אַלע פערד פון שטאַל.

עס האָבען אָנגעפאַנגען אַרויסקומען די פערד פון די שטאַלען און דער קלוגער אַלטער מאָן האָט גענומען זיי באַטראַכטען ווי אַ גוטער פערדקענער מיט גרויס פאַרזיכטיגקייט און קלוגשאַפט, נאַטירלעך אַזוי ווי איינער וואָס ווייס וואָס ער טוט. ער האָט גוט אַרומגעטאַפּט די פערד פון אַלע זייטען, זיי גוט אַריינגעקוקט טיף אין די אויגען אַריין. „ניין, גרויסער האַר גראַף, דער גנב געפינט זיך ניט צווישען דיינע פערד. איך מוז איצט אונטערזוכען די קי". האָט מען גענומען אַרויסשיקען פון די שטאַלען אַלע קי. האָט דער אַלטער הייליגער געטלעכער מאָן גוט אונטערזוכט אַלע קי מיט גרויס פאַרזיכטיגקייט און קלוגשאַפט, מיט געניטקייט, זיי גוט דורכגעטאַפּט פון אַלע זייטען און געקוקט זיי טיף

אין די אויגען אַריין. און ווען ער האָט נאַטירלעך ניט געפונען דעם גנב צווישען די קי, האָט ער געהייסען אַרויסשיקען די שעפּ־סען, די ציגען א. אַז. וו. און האָט אַלעמען מיט „דרך ארץ", נאַ־טירלעך קיינעם ניט באַליידיגט און מאַכען ווען עס איז אומ־זיסט פּאַר אַ גנב טאַר מען ניט, ביז, ביז, ביז ער איז געקומען צו די אינדעקעס. די אינדעקעס, זאָגט ער, זיינען אַ פֿאָלק פון גרויסע גנבים, זיי מוז מען היטען, זאָגט ער דעם גראַף, זיי שלינ־גען איין וואָס נאָר זיי כאַפּען. ער מוז זען די אינדיקעס. נו, האָט מען אַרויסגעטריבען די אינדעקעס און ער האָט זיי גוט, גוט אונטערזוכט, דורכגעקוקט, ביז, ביז ער האָט דערטאַפּט אַ געוויסען אינדיק) נאַטירלעך דעם אינדיק, אויף וועלכען ער האָט געמאַכט אַ צייכען ווען ער איז נאָך גאַנץ פרי, ווען אַלע זיינען געשלאָפען, געגאַנגען צו די אינדעקעס מיט אַ ווייך שטיקעל ברויט, אין וועלכען עס איז געווען אַריינגעקנאָטען דער רינג און מכבד געווען דעם אינדיק מיט דעם שטיקעל ברויט. דער אינדיק האָט דאָס מיט גוטען אַפּעטיט באַלד אַריינגעשלונגען צוזאַמען מיטן רינג). ער האָט דעם אינדיק מיט גרויס פאַרזיכטיגקייט און קלוגשאַפט גוט אויסגעטאַפּט פון אַלע זייטען ביז ער האָט דערטאַפּט דעם רינג. „נו, האָט ער באַלד מיט גרויס פרייד אויסגעשריען, „אָט איז דער גנב, דער אינדיק האָט דעם רינג. מען מוז אים מאַכען אַן אָפּעראַציע".

דער גראַף שטייט און וואונדערט זיך: צי קען דאָס זיין מעגלעך און הייסט באַלד הרג׳נען דעם אינדיק און אַלע מענשען פון הויף שטייען דערביי און זעען טאַקע ווי דער געטלעכער הייליקער מענש נעמט אַרויס דעם רינג פון דעם אינדיק און דער־לאַנגט אים דעם גראַף. איז ביי אַלעמען געוואָרען אַ גרויסע פרייד און מען האָט איצט באַטראַכט דעם אַלטען בעטלער פאַר ווירק־לעך אַ וואונדערלעכען געטלעכען מענש וואָס האָט געקענט אויס־געפינען אַז ביי דעם אינדיק אין בויך געפינט זיך דער רינג.

דער גראַף, וועלכער האָט טאַקע דערקענט זיין רינג, איז געוואָרען איבערראַשט. זאָגאַר דערשטוינט, און האָט געהייסען מאַכען אַ באַל פאַר אַלעמען אין הויף און דער אַלטער בעטלער וועלכער איז געוואָרען מיט אַמאָל אויס בעטלער נאָר אַ וואונ־דערלעכער געטלעכער מאַן, איז געווען דער ערשטער גאַסט אויף דעם באַל און מען האָט אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד און ער האָט גרויסאַרטיג פאַרבראַכט.

דער גראַף האָט דעם גוטען אַלטען מאַן דערפאַר באַלוינט מיט דעם וואָס ער איז פאַרבליבען אין הויף און פאַר אַלאַנגער צייט געלעבט זיך דאָרט רואיג.

איז דער אַלטער מזל'דיגער בעטלער זיך געזעסען ביים גראַף אין הויף, געגעסען, געטרונקען, זיך געלעבט שטיל און רואיג אַ לאַנגע צייט מיט יאָרען, ביז דער גראַף האָט זיך איין מאָל באַזינט אין אַ שיינעם טאָג און האָט צו זיך געלאָזט רופען דעם אַלטער בעטלען און האָט אים דערקלערט: „עס איז שוין אַ לאַנגע צייט ווי דו וואוינסט ביי מיר. איך גיב דיר עסען, טרינקען און קליידער. מוז איך דיר איצט זאָגען, אַז יעדע זאַך האָט אַן ענדע ביז אַ געוויסער צייט. איז איצט געקומען דיין צייט. איך וויל דיר איצט עפּעס זאָגען: אויב דו ביסט טאַקע ווירקלעך אַ קלוגער מאַן, דאַן וויל איך דיך נאָך איין מאָל אויספּרובירען. וועסטו מיר ענטפערען אויף מיין פראַגע וואָס איך וועל דיך באַלד פרעגען, דאַן קענסטו ביי מיר בלייבען ווייטער לעבען, אויסלעבען דאָ זיך רואיג דיינע יאָרען, אויב דו קענסט אויף מיין פראַגע ניט ענטפערען, דאַן מוזטו פאַרלאָזען מיין הויז און גיין זיך דיין וועג". אַזוי ריידענדיג פירט דער גראַף אים אַריין אין אַ צווייטער צימער און ווייזט אים אַן אויפן טיש, וואו עס שטייט אַ גאָלדענע וואַזע, צוגעדעקט מיט אַ טאַץ.

דער גראַף האָט איצט געוואָלט אויספּרובירען דעם אַלטען בעטלער אויב ער איז ווירקלעך אַ וואונדערלעכער געטלעכער מאַן אָדער ניט, האָט דער גראַף גענומען אַזאַ מין שוואַרצע „באַבעלע", דאָס איז אַזאַ מין לעבעדיגע זאַך וואָס קריכט אַרום אויף דער ערד. זיי זיינען די גרוים ווי אַ גרויסע פליג אָדער אַ שפּין — אַ באַשעפעניש אַזאַ מיט אַ האַרטער שוואַרצער הויט אויף זיך. דער נאָמען פון דער באַשעפעניש איז אויף לאַטווישער קורלענדער שפּראַך ווערט אָנגערופען „שווירפּלע". האָט דער גראַף גענומען אַזאַ שווירפּלע און אַריינגעלייגט אין דער גאָלדענער וואַזע און צוגעדעקט מיט אַ טאַץ. און פרעגט אים: „נו, גוטער קלוגער מענש, זאָגט מיר וואָס אין דער וואַזע געפינט זיך, קענסטו טרעפען?"

ווען דער געוועזענער בעטלער האָט דערהערט פון דעם גראַף אַזאַ אומדערוואַרטעטע פראַגע מיט אַזאַ שטרענגע פאָדערונג איז אים געוואָרען זייער טרויעריג אויפן האַרצען, וויסענדיג אַז ער קען ניט טרעפען וואָס אין דער וואַזע געפינט זיך און ווי-

סענדיג וואָס דאָס מיינט פאַר אים, ווען ער וועט ניט טרעפֿען. וואָס זאָל ער דעם גראַף זאָגען? ער איז געווען זיכער אַז איצט קומט שוין זיין ענדע.

אַזוי קלערענדיג און טראַכטענדיג ביי זיך אין האַרצען וואָס ער זאָל דאָ זאָגען, האָט ער אָנגעפאַנגען ביי זיך אין האַרצען צו ריידען און גענומען זיך באַדויערען אויף זיין ביטערען שיקזאַל וואָס עס ערוואַרטעט אים איצט. פון זיין האַרצען האָט זיך אַרויסגעכאַפּט די ווערטער (נאַטירלעך מיינענדיג זיך, אַז איצט איז זיין ענדע) נו, יאָ, „שווירפלע, שווירפלע". איז ווי נאָר דער גראַף האָט דערהערט די ווערטער „שווירפלע", און נאָך איידער דער אַלטער האָט צייט געהאַט נאָך אַ וואָרט אַרויסצוריידן, רופט דער גראַף זיך אָפּ מיט אַ זייער איבערראַשענדער שטימע: „זע נאַר, זע נאַר, ער האָט דאָך איצט ווידער געטראָפען".

דערקלערנוג: דער נאָמען פון דעם אַלטען בעטלער איז אויך געווון „שווירפלע", אַזוי האָט מען אים גערופען. איז ווען ער האָט געטראַכט אין האַרצען וואָס ער זאָל דאָ איצט דעם גראַף זאָגען, האָט ער געהלאַטען אין באַדוירען זיך, דערוואַרטענדיג זיין טרויעריגע ענדע. האָט ער געוואָלט גאַנץ איינפאַך זאָגען דעם גראַף „אַז איצט איז שוין דיין ענדע, שווירפלע"! איז ווי נאָר ער האָט אַרויסגערעדט די ווערטער „שווירפלע, שווירפלע", און דער גראַף איז באַלד אויפגעשפרונגען מיט איבערראַשונג מיי-נענדיג אַז ער מיינט דאָס די שווירפלע וואָס אין דער וואַזע, האָט דער בעטלער מער ניט געהאַט די געלעגענהייט ווייטער עפּעס מער צו זאָגען און מער ניט געדאַרפט עפּעס זאָגען.

דער גראַף האָט אים דאַן געזאָגט: „נו, יאָ, איצט זע איך אַז דו ביסט ווירקלעך אַ וואונדערלעכער מאַן. דו בלייבסט ביי מיר דיין גאַנצען לעבן".

דער גראַף האָט אים באַלד אַהיים גענומען און אים פאַר אַלעמען אין זיין הויף ווידער פאַרגעשטעלט אַלס אַ גרויסען וואונדערלעכן געטלעכען מענשען. דער בעטלער איז פאַרבליבען אין גראַפ׳ס הויף ביז ענדע פון זיין לעבן.

דער מלמד און דער קייסער
אָדער אַ גאַסט פון יענער וועלט

מאַראַל: „בור כרה ויחפרהו"

אַ לעגענדע מיט אַ מוסר השכל

הירשע דער מלמד, ווען ער איז נאָך געווען זייער יונג, איז אין דער ישיבה געווען זייער א וואוילער בחור. א געוויסער בעל הבית פון דער שטעדטעל יאַנישאָק, וואו ער האָט געלערנט און „געגעסען טעג", האָט איהם אויסגעכאַפּט פאר זיין איידעם, און ג"ט האָט אים באַגליקט: קוים א יאָר נאָך דער חתונה — מיט א צווילינג, אזוי אז עס איז געווארען א לאַסט אויף זיין שווער, וועלכער האָט זיי אלעמען געהאַלטען אויף קעסט, און ער איז געוואָרען געצוואונגען צו העלפען זיך אליין. און איז אזוי אַרום געוואָרען ניט ווילענדיג א מלמד, און געקנעלט מיט קינדער.

ווען הירש וואָלט אזוי גיך ניט חתונה געהאַט און וואָלט ניט באַלד געווארען ארומגערינגעלט מיט קינדערלעך, וואָלט ער געקענט ווערען אַ גרויסער און באַרימטער מענש, ווייל ער האָט געהאַט א גוטען קאָפּ מיט שאַרפע געדאנקען. אבער ווען ער האָט געמוזט ווערען א מלמד צוליב פרנסה, האָט ער געקנעלט. ער איז אבער לאַנג ניט פארבליבן דער איינפאכער הירש דער מלמד, ער האָט ארויסגעצייגט פיינע פעהיגקייטען, און איז צו־ליב זיינע קענטניסען גיך באוואוסט געווארען אלס „הירש דער לערער". און אזוי האָבן אים איינעגע גערופען „הירש מלמד" און אנדערע „הירש דער לערער".

הירש דער לערער האָט געהאַט שיינע מאַנירען, מיט קלוגע אויגען און זיך געהאלטען אביסעל אריסטאָקראטיש. ער האָט זיך ערוואָרבען א גוטען נאָמען צווישען זיינע בעל הבתים, מיט וועמעס קינדער ער האָט געלערנט. ער האָט געהאט א קליין

שפּיציג שיינע בערדעל פון א פראָפעסאָן, וועלכער האָט שטענ־דיג אין איין טראַכטען און פילאָזאָפירען וועגען העכערע וועלט־ליכע זאַכען.

הירשע דער מלמד האָט געהאַט אַ נאַטור (אַ האָבי", אַזוי ווי מען רופט עס אין אַמעריקע) אַז אַזוי גיך ווי ער פלעגט פאַר־טיג ווערען מיט די קינדער לערנען, פלעגט ער זיך אָפּגעבן מיט מאָלען בילדער, צייכנונגען פון פאַרשידענע זאַכען. אויך פלעגט ער ליב האָבען צייכענען פאַרשידענע געביידעס (סטראָיעניעס), ביז עס האָט זיך ביי אים אויסגעטראָיעט אַ זעלטען שיינער פּאַלאַץ (ווי מען רופט דאָס אין דער היים אַ „שלאָס") וואָס פּאַסט זיך פאַר אַ גראַף אָדער באַראָן און אפילו פאַר אַ קייסער. מענ־שען, וועלכע האָבען געקענט דעם מלמד און געוואוסט פון זיין מאָלעריי, האָבען דאָס זייער באַוואונדערט און עס איז איבעראַל באַוואוסט געוואָרען פון זיין שיינער אַרכיטעקטעריי. ביז עס איז דערגאַנגען צום קייסער וועגן דער זעלטען שיינער קונסט־ אַר־בעט פון הירשע דעם מלמד.

אין אַ געוויסען שיינעם טאָג קריגט הירשע מלמד אַ באַפעל פון דעם קייסער, אַז ער זאָל אים קומען זען. דער אָרעמער מלמד האָט זיך שטאַרק דערשראָקען. אָבער אַז דער קייסער פאָדערט, איז קיין תירוץ ניט. ער איז געקומען צום קייסער אויסהערען וואָס ער וויל און וואָס ער פאַרלאַנגט פון אים. דער קייסער האָט אים גאַנץ העפלעך אויפגענומען און זיך נאָכגעפרעגט אויף זיינע קינסטלעכע שאַפונגען און האָט פאַרלאַנגט צו זען זיינע מאָלע־רייען. ווען דער קייסער האָט דערזען די זעלטען שיינע בילד־צייכענונג פון אַ פּאַלאַץ, האָט ער באַשלאָסען צו לאָזען זיך בויען אַזאַ סטראָיענע, אַלס זיין קייזערלעכער דוואָרעץ, אָדער „שלאָס", און האָט באַדאַנקט דעם מלמד און צוגעזאָגט אים אַ גוטע באַ־לוינונג.

דער קייסער האָט באַלד אַרויסגערופען דעם גרעסטען אַרכי־טעקט פון זיין לאַנד און אים געהייסען אויסבויען אַזאַ פּאַלאַץ ווי די צייכענונג ווייזט אויף דעם בילד די מאָלעריי פון הירשע מלמד'ס קונסט אַרבעט.

אין אַ געוויסער צייט אַרום איז דער גרויסער שלאָס פון דעם קייסער'ס פּאַלאַץ פאַרטיג געוואָרען און צו דער דאָזיגער געלעגענהייט האָט דער קייסער באַשלאָסען צו מאַכען אַ באַל און האָט איינגעלאַדען די שענסטע און גרעסטע לייט פון זיין

לאַנד און צווישען די איינגעלאַדענע איז אויך געווען דער אָרע־מער הירשע מלמד. צווישען די גרויסע געסט האָט זיך אויך געפונען דער אַרכיטעקט וואָס האָט אויסגעבויט דעם גרויסען שיינעם שלאָס. אים, דעם גרויסען מייסטער, דעם בויער פון דעם פּאַלאַץ, האָט זייער און זייער פאַרדראָסען וואָס אַ אידעל מיט אַ בערדעל דערצו, זאָל זיך געפינען צווישען די געסט און עם קען טרעפען אַז אים וועט אויסקומען צו זיצען לעבען דעם אידען, איינער לעבען אַדערען. דאָס האָט אים אַזוי געקרענקט אַז ער האָט אַ גאַנצע נאַכט ניט געקענט שלאָפען. דער געדאַנק אַז ער וועט אפשר דאַרפען זיצען צוזאַמען מיט דעם אידען און אויס־הערען די לויבט־ווערטער וועגען אים האָט אים ניט געלאָזט רוען.

איין מאָל אין אַ נאַכט, ווען דער אַרכיטעקט האָט ניט גע־קענט איינשלאָפען, האָט ער אויסגעאַרבעט אַ גוטען פּלאַן ווי אַזוי פּטור צו ווערען פון דעם אידען אַז ער זאָל אים ניט שטיין אין וועג, כדי נאָר ער אַליין זאָל קריגען דעם גאַנצען קרעדיט פאַרן אויפבויען די שענסטע געביידע אין לאַנד און ער האָט באַשלאָסן דעם פּלאַן דורכצופירן.

אויף מאָרגענס איז דער אַרכיטעקט געקומען אין קייזער־לעכען הויף און האָט זיך געזען מיט דעם מאַן וואָס האָט צו טאָן מיט די פיש־פאַנגעריי פאַרן קייזערלעכען הויף (דעם שר הדגים) און האָט מיט אים געהאַט אַ געשפּרעך.

ער האָט דעם פיש־פאַנגער דערקלערט, אַז ער האָט צו אים אַ קליינעם פאַרלאַנג, וועלכען ער וועט קענען לייכט און אָן אָנשטרענגונג דורכפירען און פאַר דעם וועט ער אים באַלוינען מיט אַ גרויסען פּרייז. ער האָט אים דערקלערט וואָס ער דאַרף טאָן. „איך וועל אַלס אַראַנזשירען און זען אַז דער איד וואָס דאַרף זיין אויפן באַל וואָס דער קייסער גייט אין גיכען דאָ מאַכען, וועט די טעג דיך קומען זען. ער האָט ליב צו זען ווי אַזוי פיש ווערען געפאַנגען און ער וועט זען ווי אַזוי דו פאַנגסט פיש. ווען ער וועט שטיין לעבן דיר ביים וואַסער און וועט זיין נייגע־ריג צו זען צוצוקוקן ווי דו כאַפּסט די פיש ,זאָלסטו אים בלויז געבען אַ שטופּ אין וואַסער אַריין און זאָל ער דערטרונקען ווערען. דערפאַר וועסטו קריגען פון מיר אַ גרויסע סומע געלט”.

דער פישערמאַן האָט גאַנץ פיין אויסגעהערט דעם אַרכי־טעקט און אים צוגעזאָגט דעם פּלאַן דורכצופירען.

אין אַ געוויסען שיינעם טאָג קלאַפּט עמיצער אָן אין דער טיר פון הירשע מלמד. רב הירשע גייט צו, עפענט אויף די טיר און ער דערזעט אַ שיינעם רייך־געקליידעטען מאַן. דער מאַן שטעלט זיך פאַר אים פאָר: „מיין נאָמען איז בראַנדאָווסקי. איך בין דער אַרכיטעקט וואָס האָט נאָר וואָס אויסגעבויט דעם נייעם פּאַלאַץ פאַר דעם קייזעכלעכען הויף".

הירשע מלמד ווערט זייער איבעראַשט און זאָגט צו אים:

— איר זייט דער באַרימטער אַרכיטעקט בראַנדאָווסקי? קומט אַריין, זעצט זיך. איך האָב פאַרגעניגען אייך צו קענען. וואָס ווערט איר עפּעס זאָגען גוטס?

— איך וויל אייך זאָגען — ענטפערט דער אַרכיטעקט — אַז איך האָב גערעדט מיט דעם פיש־פאַנגער פון דעם קייזער־לעכען הויף און ער האָט מיר געזאָגט אַז איר גייט זיין איינ־געלאַדען צו דעם באַל וואָס דער קייסער גייט מאַכען צוליב דעם פּאַלאַץ, וואָס ווערט אין גיכן זיין פאַרטיג.

רופט זיך אָפּ דער איד צום אַרכיקעטט:

— איך דאַנק אייך פאַר ברענגען מיר אַזאַ אָנגענעמע נייעס, אָבער איך מוז קריגען אַן איילאַדונג צו קומען צום באַל.

זאָגט אים דער אַרכיטעקט:

— איר וועט זיכער קריגען אַזאַ איילאַדונג, ווייל דער פיש־פאַנגער, וואָס האָט צו טאָן מיט צוגרייטען די פיש, האָט מיר געזאָגט, אַז איר זייט אויפן צעטעל. ער וויל אייך זייער זען. ער דאַרף מיט אייך עפּעס ריידען.

רופט זיך אָפּ דער איד:

— איך וועל די איינלאַדונג מיט פאַרגעניגען אָננעמען און איך האָף זיך צו טרעפען מיט אייך אויפן באַל.

דער אַרכיטעקט בראַנדאָווסקי האָט אָבער ניט פאַרגעסען וועגן דעם הויף צוועק פון זיין קומען זיך זען מיט דעם אידען און פאַרן אַוועקגיין האָט ער אים ווידער דערמאָנט ניט צו פאַר־געסען צו קומען זיך זען מיט דעם פישערמאַן, ווייל צווישען די געהויבענע געסט וועלען דאָרט זיין אויך זייער אָנגעזעענע אידען און דערפאַר וויל דער פישערמאַן זיך זען מיט דעם אידען וועגען די צוגרייטונג צום באלל. דער אַרכיטעקט האָט זיך געזעגנט מיט דעם אידען און איז אַוועק. דער איד האָט זיך געוואונדערט צוליב וואָס דער פישפאַנגער וויל אים זען. אָבער אין אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווען ער האָט געקראָגען די איינלאַדונג פון קייזע־

אַליין, האָט ער זיך שוין איבערציוגט אַז אַלץ וואָס דער אַר־כיטעקט האָט אים געזאָגט איז ריכטיג.

אַ פּאָר טעג איידער עס האָט געדאַרפט פאַרקומען דער באַל, האָט דער איד זיך געלאָזט גיין זיך זען מיט דעם פישפאַנגער און אויסגעפינען וואָס ער דאַרף אים האָבען. ווען דער איד האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר דעם פישערמאַן, מיסטער „דוואָרניק״, האָט יענער שוין געוואוסט וועגען וואָס דער איד איז געקומען און האָט שוין אויך געוואוסט וואָס צו טאָן מיט דעם אידען.

דער פישערמאַן, הער „דוואָרניק״, האָט אָבער געהאַט אַ ווייך האַרץ און האָט ניט געקענט און ניט געוואָלט טאָן דעם אי־דען קיין שלעכטס, האָט ער דעם אידען פאַרטרויט דעם סוד און האָט אים איבערגעגעבן וואָס דער אַרכיטעקט האָט אָפּגע־מאַכט מיט אים וועגען דעם פּלאַן. ער האָט אָנגעזאָגט דעם אידען אַז ער זאָל קיינעם ניט דערציילען קיין זאַך, ווייל ער האָט אויסגעאַרבעט אַ געגען־פּלאַן. ער האָט אים געבעטען אַז ער זאָל אויספאָלגען אַלץ וואָס ער וועט אים הייסען און האָט אים פאַר־זיכערט אַז קיין שלעכטס וועט מיט אים ניט פּאַסירען. ער האָט דעם אידען געהייסען פאַרבלייבען דאָ מיט אים און האָט אים געזאָגט אַזוי:

— הער זיך איין. דו פאַרבלייב דאָ ביז דער באַל וועט פאַר־קומען. איך וועל דיך באַהאַלטען ביי מיר אין הויז און וועל אַלע־מען זאָגען, אַז דו ביסט דערטרונקען געוואָרען אין ים. איצט הער זיך איין נאָך אַ זאַך: איך וועל דיר דערציילען וועגען דעם געגען־פּלאַן וואָס איך האָב אויסגעאַרבעט פאַרן אַרכיטעקט. מיט אַ קורצער צייט צוריק איז דאָ ניט ווייט דערטרונקען געוואָרען אַ פרוי און מען האָט איר ניט געקענט געפינען, איז דענקט מען אַז אַ פיש האָט איר איינגעשלונגען. ווידער מיט אַ קורצער צייט צוריק, ווען איך האָב געכאַפּט פיש, האָב איך געכאַפּט אַ גרויסען פיש און ווען איך האָב אים אויפגעמאַכט, האָב איך אין זיין בויך געפונען אַ רינג מיט אַ פינגער, האָב איך דאָס באַהאַלטען. איצט הער זיך צו ווייטער: אַזוי ווי דער אַרכיטעקט האָט גע־זוכט אויף דיר דעם טויט, מעגסטו אים אָפּצאָלען ווי ער פאַר־דינט. ווען עס וועט קומען די צייט פון באַל, וועל איך אַריינלויפען צום באַנקעט אין מיטן עסן און וועל אויסשרייען מיט אַ ליאַרעם און דאָרט דערציילען, אַז דער איד וואָס איז מיט אַ קורצער צייט צוריק דערטרונקען געוואָרען, איז פּלוצלונג געקומען צוריק פון

יענער וועלט און האָט מיר דערציילט אַזעלכע וואונדערלעכע זאַכען פון דאָרטען, אַז עס איז אַ שרעק. אָט אַזאַ אַקט וועל איך אַפּשפּילען. נאַ, אָט איז דער רינג וואָס איך האָב געפונען אין בויך פון דעם פיש. נעם דעם רינג און האַלט אים. ווען איך וועל קומען צוריק פון דעם קייסער׳ס הויף און אַז איך וועל דיר הייסען אַז דו זאָלסט אויך גיין צום באַל, זאָלסטו זיי דערציילן וועגן די אַלע וואונדערליכע זאַכען וואָס דו האָסט געזען אויף יענער וועלט און זיי ווייזען דעם רינג, וועלכען איך האָב אַרויסגענומען פון דעם פיש אַלס באַוויז אַז דו קומסט טאַקע פון יענער וועלט.

אַזוי האָט דער פישערמאַן דעם אידען אַלץ פאַרטרויט און אים געהאַלטען באַהאַלטען ביי זיך אין הויז ביז דער צייט ווען דער באַל האָט געדאַרפט פאַרקומען.

ווען די ריכטיגע צייט איז געקומען איז דער פישערמאַן געגאַנגען צום באַל און האָט דורכגעפירט זיין פּלאַן ווי ער האָט דעם אידען פריער דערציילט. ער האָט מיט וואונדערלעכער שרעק און מיט גרויס איבעררּאַשונג אַלעמען דערציילט ווי דער איד איז איצט געקומען צוריק פון יענער וועלט און ווי ער דערציילט די וואונדער וואָס ער האָט דאָרט אויף יענער וועלט געזען.

דער איד, האַלב טויט פון זאָרג און שרעק, ניט וויסענדיג וואָס מיט אים וועט פּאַסירען, האָט איצט אָנגעפאַנגען צו קלערען און טראַכטען ווי אַזוי ער זאָל זיך אויפפירען ווען ער וועט דאַרפען גיין צום באַנקעט און דערציילען די וואונדער פון יענער וועלט. דערווייל איז דער פישערמאַן געקומען צוריק פון קייסער׳ס הויף וואו ער האָט איבערגעגעבען די נייעס וועגען דעם דערטרונקענעם אידען, וואָס איז געקומען צוריק פון יענער וועלט, און אים גע-הייסען גיין צום קייסער און זיינע געסט.

דער איד איז אַריינגעשפּרונגען אין אַ פּאַס מיט וואַסער און ווען ער איז אַרויס פון דער פּאַס איז דאָס וואַסער גערונען פון זיין באָרד און פון זיינע קליידער, אַז עס האָט אויסגעזען ווי ער קומט טאַקע פון יענער וועלט דורכן ים. דער איד האָט קיין סך ניט געטראַכט און איז אַריבערגעלאָפען אין פּאַלאַץ צום באַל, וואו אַלע געסט האָבען זיך געפונען. דער פישפאַנגער איז אים נאָכגעגאַנגען אום צו פאַרהיטען דעם אידען אַז קיין שלעכטס זאָל מיט אים ניט פּאַסירען. דער איד איז אַריינגעלאָפען אין זאַל, וואו די אַלע געסט זיינען געזעסען אַרום די טישען. ער האָט

אַ שפּרונג געטאָן אויפן טיש, אַזוי ווי ער איז געקומען אין די נאַסע קליידער און האָט אָנגעפאַנגען דערציילען וועגן יענער וועלט.

ער האָט דערציילט, אַז אויף יענער וועלט זיינען אויך פאַראַן קייסאָרים, וועלכע וואוינען אין פּאַלאַצען. דאָרט האָט ער אויך איבערגעגעבען דאָס זעלביגע קינסטלעכע בילד פון אַ נייעם סאָרט פּאַלאַץ און דער דאָרטיגער קייסער וויל האָבען דעם זעלבען אַרכיטעקט וואָס האָט אויפגעבויט דעם קייזערלעכען פּאַלאַץ, אַז ער זאָל אויך פאַר דעם דאָרטיגען קייסער אויס־בויען אַזאַ גרויסאַרטיגען פּאַלאַץ און דערפאַר וועט דער קייסער אים אָפּצאָלען מיט די גרעסטע שטיקער גאָלד און דימאַנטען. דערביי נעמט ער אַרויס דעם רינג און ווייזט זיי אַלעמען אַלס אַ סימן אַז ער איז געוועזן אויף יענער וועלט.

דער קייסער און אַלע געסטן זיינען געוואָרען שטאַרק איבער־ראַשט און דערציטערט, ווען זיי האָבען דערזען דעם אידען וואָס איז געקומען פון יענר וועלט נאָך פריש און נאַס. אַלע האָבען זיך דאַן איבערצייגט אַז דער איד איז טאַקע דערטרונקען געוואָרען אין ים. דאַן איז צוגעגאַנגען דער פישפאַנגער און האָט דערציילט אַז ער אַליין האָט געזען ווי דער איד איז אַריינגעפאַלען אין ים אַריין און איז באַלד איינגעשלונגען געוואָרען פון אַ פיש. דער רינג האָט זיך אַרויסגעצייגט צו זיין דער זעלבער וועלכען אַ פרוי האָט געטראָגען אויף איר פינגער ווען זי איז דאָ ניט לאַנג צוריק דערטרונקען געוואָרען.

דער אַרכיטעקט בראַנדזוסקי איז דערביי געזעסען און האָט געהערט און געזען וואָס דאָ קומט פאָר. אַז דער איד איז דער־טרונקען געוואָרען אין ים האָט ער דאָך געוואוסט בעסער פון יעדען איינעם ווייל דאָס איז דאָך געוועזן זיין אייגענער פּלאַן. דער אַרכיטעקט איז געוועזן זיכער אַז דער איד איז טאַקע געקומען פון יענער וועלט און אַלץ וואָס ער דערציילט וועגען יענעם קיי־סער מוז דאָך אויך זיין ריכטיג, ווייל דער רינג איז דאָך דער זעלבער וואָס יענע פרוי האָט געטראָגען, ווען זי איז דערטרונקען געוואָרען. איז באַשלאָסען געוואָרען אַז דער אַרכיטעקט דאַרף גיין אויף יענער וועלט און העלפען דעם דאָרטיגען קייסער אויפ־צובויען אַ גרויסאַרטיגען פּאַלאַץ אַזוי ווי ער האָט דאָ אויס־געבויט פאַר אונזער קייסער. דער קייסער אפילו איז אויך ניט געווען געגען אַז דער קייסער אויף יענער וועלט זאָל אויך האָבען

אַזאַ שיינעם פּאַלאַץ ווי ער דאַ (פּאַרוואָס ניט?) יענער קייסער האָט דאָך אַ סך גאָלד און דימאַנטן...

דער קייסער און אַלע געסט האָבען דאַן גענומען און געמאַכט אַ גרויסען פּאַראַד פאַרן אַרכיטעקט בראַנדאָווסקי. מען האָט אים מיט גרויסע צערעמאָניעס צוגעפירט צו דעם זעלבען פּונקט וואו דער איד איז אַריינגעפאַלען, ווייל דער פישערמאַן, דעם קייסער׳ס אייגענער באַדינער, האָט געוואוסט אַקוראַט דעם מזל׳דיגען פּונקט פון וואַנען מען גייט גלייך אויף יענער וועלט.

איידער מען האָט דעם אַרכיטעקט אַריינגעוואָרפען אין ים אַריין, האָט דער קייסער אים פאַרזיכערט, אַז ווען ער וועט קומען צוריק, וועט מען לכבוד אים מאַכען גרויסע צערעמאָניעס און אַ גרויסאַרטיגע זפּאַראַד פאַר אים.

צוגענומען זיין כלה
און געבליבן גוטע פריינט

„ציפּע“ איז געווען אַ זעלטען שעהנע יונגע מיידעל. זי איז געווען אַ האַדיוואָנקע ביי דעם רייכען שעהנעם אָנקעל אירן זינט זי איז געבליבען אַ יתומה'לע, ווען איר פּאַטער איז געשטאָרבען נאָך דאַן ווען זי איז אַ קליין קינד געווען. און אַזוי האָט זי זיך געהאָדעוועט ביים אָנקעל ביז זי איז אויסגעוואַקסען אַ גרויסע מיידעל און דער אָנקעל אירער האָט איר געהאַלטען אין זיין היים ביז זי איז פאַרבליבען אַלס די דינסט אין הויז און אין דער זעלבער צייט איז זי פאַררעכענט געוואָרען אַלס איינע פון דעם אָנקעלס משפחה. אַזוי ווי אַלע קינדער אין הויז, אַזוי איז זי געוואָרען פאַרעכענט אַלס איינע פון די קינדער און דער אָנקעל האָט איר באַהאַנדעלט ווי אַן אייגען קינד.

דער אָנקעל אירער — בנימין קאַלוּוער האָט מען אים גערופען, ווייל ער האָט געהאַט אַ גרויסען ערד באַזיץ אין קאַלווע, ווי מען קען זאָגען אַ אידישער בעל הגוף — האָט געהאַלטען פויערים, וואָס פלעגען בעאַרבייטען זיין לאַנד ווי אויך פּאַסטוכער פאַר די בהמות און דינסטען פאַרן הויז, און ציפּע איז געווען די וואָס פלעגט אויפפּאַסען, אַז אַלעס זאָל זיין אין גוטער אָרדנונג, ווי א גוטע בעל־הבית'טע.

רב בנימין איז געווען זייער אַ פיינער אָנגעזעהענער איד. אַזוי ווי זיין גוטבאַזיץ איז געווען ווייט פון שטאָט, האָט ער געהאַט זיין אייגענעם מנין אין שטוב מיט אַן אייגענער תורה און בנימין פלעגט דאַווענען און לייענען די תורה יעדען שבת, און אידישע איינוואָוינער אַרום זיין גוט פלעגען קומען שבת דאָרטען דאַווענען און אייניגע פלעגען דאָרטען פאַרבלייבען צום עסען איבער שבת און אַזוי איז רב בנימין געווען באַוואוסט אין דער גאַנצער געגענד אַרום, סיי אין זיין געגענד אויפן לאַנד און אויך אין די דערבייאיגע שטעטלעך אַרום.

רב בנימין האָט געהאַט פינף זין און איין טאָכטער, אַלע פאַרהייראַט, נאָר דער איננגסטער פון אַלע, אַ בחור'ל ניט פיל עלטער פון ציפּען איז נאָך געבליבען אין דער היים און זיך

אויסגעהאָדעוועט צוזאַמען מיט ציפּען. ווען ווידער מיט ציפּען זיינען געוואָרען אביסעל עלטער, איז געוואָרען קענטיג, אַז די קינדער זיינען ניט גלייכגילטיג איינער צום אַנדערען. און ווען דער אָנקעל מיט דער טאַנטע האָבען דאָס געזען, אַז זייער וויגדער, דער אינגסטער זון קלעפּט זיך צו ציפּען, זיינען זיי געווען זייער צופרידען, אַז ציפּע זאָל ווערען ווינדערס כלה. וואָרום ניט? ציפּע איז געווען אַזוי שעהן, קלוג, פריילוך, פלעגט אַזוי שעהן זינגען און דער אָנקעל האָט איר געגעבען אַ פיינע ערציהונג. די לערערס, וועלכע האָבען געלערנט מיט ווינדערן, האָבען אויך געלערנט מיט ציפּען און אין אַ קורצער צייט אַרום זיינען ווינדער מיט ציפּען געוואָרען חתן און כלה. און אַזוי איז געוואָרען פאַרעכענט ביי אַלעמען פון דער פאַמיליע, אַז ציפּע מיט ווינדערן וועלען איינגיכען געהן האָבען חתונה.

רב בנימין האָט געהאַט אַן איידעם, זייער אַ פיינער יונגערמאַן, קלוג, געלערנט, אַ פריילוכער, באַליבט און געשעצט ביי אַלעמען. זלמן האָט ער געהייסען. בנימין, ווען ער האָט גענומען זלמנ'ען פאַר זיין איידעם, האָט ער אים אַריינגענומען צו זיך אין זיין געשעפט. אַ צוויי וויאָרסט אַוועק פון בנימינ'ס גוטבאַזיץ איז געווען אַ קרעטשמע, יאַשעסער קרעטשמע און צוזאַמען מיט דער קרעטשמע איז געווען אַ גרויסע קראָם, אַ מין דעפּאַרטמענט סטאָר. אָט דאָס געשעפט האָט געהערט צו בנימינען. האָט בנימין אַריינגענומען זלמנען צו זיך אין געשעפט און אין אַ קורצער צייט אַרום איז זלמן געוואָרען אַ שותּף צום געשעפט. און אַזוי האָט זיך דאָס געשעפט געפירט שעהנע עטליכע יאָר. זלמן האָט שוין געהאַט עטליכע קינדער און דאָס געשעפט איז געגאַנגען גוט. די קינדער האָבען זיך ערצויגען אויף אַ באַלעבאַטישען רייכען שטייגער לעבען און אַזוי איז זלמן געוואָרען פאַררעכענט פאַר דעם בעל הבית פון געשעפט, ווייל בנימינען פלעגט מען אין קראָם זעלטען ווען זעהן, ווייל ער איז געווען פאַרנומען מיט זיין גוטבאַזיץ. און זלמן פלעגט יעדען שבת קומען צו בנימינען צום מנין דאַוונען און אין דער זעלבער צייט באַזוכען זיין שווער און שוויגער און די גאַנצע פאַמיליע און אויך ציפּען. און אַזוי האָט זיך אַלעס געפירט גוט און שעהן, ביז עס האָט פּאַסירט אַ גרויסער אומגליק.

הענע, זלמנ'ס יונגע ווייבעל, אַ מוטער פון עטליכע קליינע

קינדער, איז פלוצלינג קראַנק געווארען און אין א קורצער צייט געשטאָרבען. דער אומגליק איז געווען זייער אַ גרויסער קלאַפּ פאר דער גאנצער משפחה. עס האָט גענומען א שטיק צייט ביז די וואונד האָט זיך פארהיילט אביסעל — ביז זלמן האָט גענומען טראַכטען וועגען חתונה האָבען. האָט זלמן, זייענדיג אַ קלוגער געשעפטסמאַן, ניט לאַנג געטראַכט און זיך איינגע־ליבט אין ציפּען. און געטאָן האָט ער עס טאַקע ווי אַ גוטער געשעפטסמאַן — ער האָט געגעבען זיין שווער און שוויגער אַן אולטימאַטום. „איך מוז האָבען ציפען״ — האָט ער זיי גע־זאָגט. אַז ניט, טיילט ער זיך אָפּ פון דעם געשעפט, נעמט צו די קינדער און פאָרט אַוועק אין דער גרויסער שטאָט אריין און פאַרגעסט אינגאַנצען פון דעם אומגליק וואָס האָט גע־טראָפען.

איר, ליבע לעזער, קענט איר זיך פאָרשטעלען וואָס דאָס האָט געמיינט פאר אַ נאָך שטאַרקערען קלאַפּ וואָס די פאַמיליע האָט איצט געקראָגען פון זלמנען? ווער האָט דאָס געוואָלט צוברעכען דאָס איינגעצויגענע גוט געהענדע געשעפט, זלמן זאָל צונעמען די קינדער און אינגאַנצען פארלאָזען דאָס הויז און דעם פּלאַץ. איז געוואָרען ביי דער פאַמיליע אַ גרויסע זאָרגפולע פראַגע וואָס מען זאָל דאָ טאָן?

זלמן האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער מוז קריגען ציפען און אַנדערש וויל ער ניט. וויפיל מען האָט מיט אים גערעדט און געבעטען ער זאָל זיך אויסזוכען אַן אַנדערע, האָט עס ניט געהאָלפען. ער איז באַשטאַנען אויף זיינעם, ער מוז קריגען ציפען, אַז ניט פארלאָזט ער דאָס הויז, דאָס געשעפט און אַלעמען.

מאָנאַטען לאַנג איז די פאַמיליע ארונגעגאַנגען ווי צומישט פון קלערענדיג און טראַכטענדיג, וויינענדיג און זאָרגענדיג וואָס מען זאָל דאָ טאָן מיט זלמנען.

נאָך אַ סך קלערעניש און ריידעניש איז געבליבען, אַז ווינדער האָט גענומען ציפעס אינגערע שוועסטער. זלמן האָט געקראָגען ציפען. ווינדער איז פארבליבען ביי זלמנען ארבע־טען אַלס געהילף אין געשעפט. און זלמן איז פאַרבליבען אין זיין הויז און געשעפט און די פאַמיליע איז פאַרבליבען זיך לע־בען פרידלעך און אין צופרידענהייט.

פון משה אבא ווייצמאַן.

שפּאַסיקע געשפּרעכן

אַ רב פרעגט שאלות

אַ רב איז געגאַנגען שבת אין גאַס און טרעפט אָן אַ אידען רויכערענדיג אַ סיגאַר. דער רב שטעלט אָפּ דעם אידען און פרעגט אים: „קענט איר מיר זאָגען וואָרום איר מוזט רויכערען אום שבת?" זאָגט דער איד צום רב: „איך וועל אייך זאָגען רבי — איך מוז טאַקע רויכערען, וואָרים אַז איך עס זיך אָן צו פיל מיטן שבת׳דיגען עסען, איז דאָס רויכערען העלפט מיר פאַרדייען דאָס עסען."

גייט דער רב וויטער אין גאַס און טרעפט אָן נאָך אַ אידען רויכערענדיג אַ סיגאַרעט (ניט קיין סיגאַר). שטעלט דער רב אָפּ דעם אידען און פרעגט אים: „זאָגט מיר, וואָרום מוזט איר רויכערען אום שבת?" זאָגט דער איד צום רב: „איך וועל אייך זאָגען, רבי, אַז איך מוז טאַקע רויכערען, וואָרים ווען איך האָב ניט וואָס צו עסען און איך הונגער, איז דאָס רויכערען פאַרטרייבט מיר דעם הונגער." זאָגט דער רב: — „רבש"עם, וואָרום גיבסטו איינעם צו פיל צום עסען און איין אַנדערען צו ווייניג?"

דער זיידע און דער אייניקעל

אַן אייניקעל איז געגאַנגען אין מושב־זקנים צו באַזוכען זיין זיידען — דעם גרענד־פּאַפּאַ. ביים אַוועקגיין גיט דער אייניקעל איבער דעם זיידען אַ זילבערנע שמעק־טאַבאַק פּושקע. שוין אָנגעפּילט מיטן שמעק טאַבאַק, זאָגט דער זיידע צום אייניקעל: איך דאַנק דיר, מיין קינד, פאַר דיין שיינער מתנה, אָבער זאָל מיר אַזוי פעלן אַ „גוירל פרענד" ווי מיר פעלט אוים שמעק־טאַבאַק.

* * *

אַ מאַן גייט אין סטריט און פרעגט זיך נאָך אויף 66 „וואַטה” סטריט; מען זאָל אים אָנצייגען וואו צו גיין צו געפינען אַזאַ סטריט. ענטפערט אים אַ מאַן: „66 ווייס איך, אָבער „וואַטה” סטריט? דאָס ווייס איך ניט”.

* * *

אַ איד קומט אין שול שבת דאַוונען. דער פּרעזידענט פון שול הייסט דעם שמש פרעגען דעם אידען ווי ער הייסט, ווייל ער וויל אים אויפרופען צו דער תורה. גייט דער שמש צו צו דעם אידען און פרעגט אים: וואָס זייט איר, אַ כהן, אַ לוי, צי אַ ישראל?” זאָגט דער איד צום שמש: „איך בין אַ ליטוואַק!”

* * *

אַ ישובניק האָט געדאַרפט זאָגען קדיש. איז ער געקומען אין שול און זיך געשטעלט זאָגען קדיש. ווען ער איז געקומען צו די ווערטער „בעגלא ובזמן קרוב ואמרו אמן”, האָט ער געגעבען אַ זאָג און מיט איין זופּ אַריינגעכאַפּט אַלע די ווערטער, זאָגענדיג: בעגלא ויביזמגראמן.

* * *

אַ מאַן איז געקומען צו אַ דאָקטאָר און זיך באַקלאָגט אַז אַ פוס טוט אים וויי. דער דאָקטאָר באַקוקט אים די פוס און זאָגט אים וואָס צו טאָן כדי צו סטאָפּען דעם ווייטאָג. זאָגט דער מאַן צום דאָקטאָר: „אבער, דאָקטאָר, די פוס איז דאָך אזוי אלט ווי די אנדערע”.

דער גרינער

אַ גרינער איז געקומען פון אייראָפּע און איז אַריינגעפאָרען צו זיין קוזינע. איין טאָג קומט ער פון סטריט און פרעגט די קוזינע זיינע וואָס מיינט דאָס „אידאָנאָו”. „איך האָב געהערט

ווי מענטשען אין גאַס זאָגען 'אידאָנאָו'". זאָגט זי צום גרינעם: „איך ווייס ניט". דער גרינער וואונדערט זיך ווארום זי ווייס ניט. שוין אַזוי לאַנג אין אַמעריקא, דאַכט זיך זי האָט דאָס שוין געדאַרפט וויסען. ווען איר מאַן איז געקומען אַהיים, פרעגט ער עפּעס זיין ווייב וועגען געוויסע זאַכען, הערט דער גרינער ווי זי ענטפערט אים: „אידאָנטנאָו" וואו דאָס איז. וואו איך האָב דאָס געלייגט". דער גרינער וואונדערט זיך ווידער: מיר האָט זי געזאָגט אַז זי ווייס ניט און צו איר מאַן זאָגט זי דאָס אַליין (אידאָנטנאָו). — גייט ער צו צו די קוזינע זיינע און ער זאָגט צו איר: „סטייטש, מיר האָסטו געזאָגט אַז דו ווייסט ניט וואָס 'אידאָנאָו' מיינט, און צו דיין מאַן האָסטו אַליין דאָס איבערגעזאָגט?!" האָבען זיי אָנגעפאַנגען צו לאַכען און איר מאַן האָט אים, דעם גרינעם, דערקלערט, אַז דאָס וואָרט „אַי דאָנט נאָו" מיינט אין אידיש „איך ווייס ניט", נאָר די אידען זאָגען דאָס אַרויס „אַדאָנוי" אַזוי ווי עס שטייט אין סדור, להבדיל.

אַ פּרוי לייגט אייער

אַ מאַן האָט געמאַכט אַ געוועט, אַז ער האָט געזען ווי אַ פרוי האָט געלייגט אַן איי. אַלע לייט אַרום אים זיינען געוואָרען נייגעריג צו אָננעמען דעם געוועט, ווייל ווער קען דאָס גלויבען אַזאַ זאַך אַז אַ פרוי לייגט אייער. נאָך דעם ווי דער געוועט איז געוואָרען פאַרענדיגט, האָבען אַלע געוואָרט צו הערען וועגען אַזאַ פרוי וואָס לייגט אייער. דערצו איז זיי געוואָרען נייגעריג צו וויסען ווי אַזוי קומט ער צו זען אַזאַ זאַך? ווי אַזוי האָט דאָס פּאַסירט אַז ער זאָל קענען זען אַזאַ זאַך? צו דעם מוז דאָך זיין אַ דאָקטאָר, אַ נוירס און ווער ניט?! הויבט דער מאַן אָן צו ערקלערען ווי אַזוי ער האָט דאָס געזען. פאַנגט ער אָן דערציילען און אַלע שטעלען אָן זייערע אויערען. און ער דערציילט: געוועזען איז דאָס אין דעם יאָר 1895 ביי דער ענדע פון פאָריגען יאָרהונדערט. זיין זיידע האָט דאָס אים אַליין דערציילט. ער איז געגאַנגען צו אַ פאַרמער קויפען עכט-פרישע אייער. ווען ער האָט פאַרלאַנגט עכט-פרישע אייער גייט די פאַרמערקע און ברענגט אים אַריין

עכט-פרישע אייער און לייגט די אייער אריין ביי מיין זיידען גראדע אין זיין קערבעל (בעסקעט) אריין. איך בין דאן געגאנגען, אלס א אינגעל, מיט מיין זיידען צום פארמער און איך האב אליין געזען ווי די פארמערקע האט אריינגעלייגט אין מיין זיידענס קערבעל די אייער. — אלע צוהערער האבען אנגעפאנגען צו לאכן: סטייטש אז לייגן! אייער זעהען מיר דאך אלע יעדען טאג. איך זע ווי די גראסערי-פרוי לייגט די אייער אמאל אין א זעקל פון פייפער אמאל אין איין אנדער זאך, און אמאל לייגט זי אין טעפעל אריין צום קאכען.

ווער עס האט געוואונען דעם געוועט? — דאס לאז איך איבער פאר אייך צו טרעפען.

א סגולה קעגען גנבים

ווען איר ווילט היטען אייער סדור, בוך אדער סופר, עס זאל ניט פארפאלען גיין, שרייבט אויף דעם פאלגענדען נוסח אלס א סגולה פאר גנבים:

זע הסדר סייך. למי סייך? לימי סעסייך סייך. פארט לימי סייך? מי כנה. מי כנה? מי סכנה כנה. פארט מי כנה? מי סנתן מעות. מי נתן מעות? מי סנתן נתן. פארט מי נתן? — שרייבט אייער נאמען

דעם זעלבען נוסח קענט איר אויפשרייבען אויך אויף אייער טלית, ציצית, יארמולקע און אויף אירגענד וועלכען געשעפט איר האט.

יעדער טאג איז א יאר ביי אים

„אהא, עס איז שוין אוועק נאך א יאר!" — אט אזא שפרוכווארט הער איך פון אים יעדען טאג, ווען איך טרעף זיך מיט אים. איין מאל פרעג איך אים: „וואס עפעס אין מיטען וואך נאך א יאר? וואס איז היינט יום כפור? פורים, ל"ג בעומר? זאגט מיר, וואס מיינט איר מיט דעם יעדען טאג ווען איר זאגט 'עס איז שוין אוועק נאך א יאר'?"

גיט ער מיר די פאָלגענדע ערקלערונג וועגען דעם: פון פאַראַיאָרען אָן ביז היינט, פונקט צו דער מינוט, פון פאַראַיאָרען אָן ביז איצט איז פונקט אַ יאָר, און אָט אַזוי איז יעדען טאָג — יעדער היינט. פון פאַראַיאָרען אין דיזער צייט יעדער טאָג איז אַ יאָר. — אַזאַ פילאָזאָף איז ער!

אַ חזן גיט אַ מתנה

אַ חזן איז אַמאָל געקומען אין אַ שול דאַווענען אַ „שבת". נאָכן דאַווענען האָט דער פרעזידענט פון שול צוגעגאַנגען צום חזן און אים געפרעגט: „זאָגט מיר, חזן, איר ווילט קריגען באַצאָלט פאַר אייער דאַווענען?" (דער חזן האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין דאַווענען האָט ניט אויסגענומען ביים עולם) זאָגט ער צום פרעזידענט: „ניין. איך מאַך אייך מיין דאַווענען אַ מתנה פאַרן שול." רופט זיך אָפּ דער פרעזידענט צום חזן: „זייער פיין פון אייך — אַז מען קען ניט און מען גיט דאָס איז זייער פיין פון אייך".

דער רייכער גיט שלום עליכם דעם אָרעמאַן

צוויי באַקאַנטע אידען האָבען געטראָפען זיך גייענדיג אין גאַס. נעמט איינער פון זיי, דער רייכערער, שטרעקט אויס זיין גאַנצע האַנד און גיט דעם צווייטען, דעם אָרעמערען, אַ ברייטען שלום עליכם. דער אָרעמער — רב אהרן — וואונדערט זיך און פרעגט דעם רייכערען: — ווי קומט עס? הער זלמן, וואָס איר גיט מיר היינט אַזאַ ברוך הבא מיט אַזאַ ברייטען שלום עליכם? — ענטפערט דער רייכער דעם אָרעמען, — דאָס איז דערפאַר ווייל איר זייט מיר שולדיג געלט.

די פאָלגענדע לידער זיינען פון מאָרים א.
ווייצמאַן. סיי די ווערטער און אויך די
מוזיק. די לידער וועלכע זיינען אָנגעצייי-
כענט מיט אַ שטערנדל (*) זיינען מיט מוזיק.
די מוזיק וועט אין גיכען דערשיינען אין
אַ באַזונדערער אויסגאַבע. די יעניגע, וועל-
כע ווילען געוויסע מוזיקאַלישע נומערען
באַלד האָבען זאָלען זיך ווענדען צום פאַר-
פאַסער

נעשה ונשמע *

רבותי, ליבע ברידער,
זעצט אַלע זיך אנידער,
און זייט מקיים דעם פּרעזידענט׳ס געבאָט...
נו, מאַכט זיך גרייט,
ווי אין פסוק שטעהט :

נעשה ונשמע אונזערע פיהרער,
נעשה ונשמע אונזערע רעגירער.

רבותי, מיינע העררן,
עפּעס וויל איך אייך ערקלערען,
אַן אַסיפה גדולה איז אין שטעטל היינט,
נו, דעם פסוק שרייט,
סיי נאָענט, סיי פון ווייט.

נעשה ונשמע אונזערע פיהרער,
נעשה ונשמע אונזערע רעגירער.

ווילט איר, ליבע לייט,
וויסען וואָס דאָס באדייט ?
אַי — אַי — אַי — אַי —
דעם פסוק זייט ניט קאַרג,
שרייט ווי אַמאָל ביים באַרג.

נעשה ונשמע אונזערע פיהרער,
נעשה ונשמע אונזערע רעגירער.

אַ נ ק אָ ר : (אַרויסרוף)

נעשה ונשמע אונזער פּרעזידענט,
מיר נעמען דיין וואָרט מיט ביידע הענט.

יציאת הגלות *

גענוג שוין, אידן, אין גלות צו זיין!
די מזרח־זון רופט אונז אַהיים מיט איר שיין!
דער וועג געפּלאַסטערט איז מיט אונזער אַרבייט
און שוויים
די לאַנד אונזערס לויכט שוין מיט דעם עמוד האש!
איצט, אידישע קינדער, פאַרלירט ניט קיין צייט,
דער אידישער לעבען ווערט שוין באַנייט...
טראָץ די שונאים וואָס טוען אונז וויי,
אין דיין אייגען לאַנד געה שוין, געה!..

קומען אידישע העלדען, פּונקט ווי אַמאָל,
גבורי ישראל קעמפען אָן אַ צאָל.
און היינט טאָקע פירער גרויסע
שלאָגען מכות פּונקט ווי משה,
דער נס איז זייער גרויס,
ווייל אידען פון דעם גלות מוזען פאָרט אַרויס.

ניט וואַרט, אידן, שטעלט אלע זיך אויס,
פון גלות דאָס פאָלק געהט שוין אַרויס,
אידן אַלע, אָהן אויסנאַם, סיי אָרעם, סיי רייך,
אין אונזער לאַנד ישראל זיינען מיר אלע גלייך.
דער נאָמען איד איז ביי אונז קיין שאַנד,
מיר דאַרפען קיין וואַנדערשטאָק מער אין דער האַנד,
דעם וועג באַגלייטען אונז שומרים צוויי,
די זון און די לבנה דאָס זיינען זיי.

קומען אידישע העלדען, פּונקט ווי אַמאָל,
גבורי ישראל קעמפען אָן אַ צאָל.
און היינט טאָקע פירער גרויסע
שלאָגען מכות פּונקט ווי משה,
דער נס איז זייער גרויס,
ווייל אידען פון דעם גלות מוזען פאָרט אַרויס.

דער אָנדענק *

זי איז געווען פון די שענסטע פייגעלאַך,
זי האָט געהאַט צוויי שיינינקע אויגעלאַך;
זי פלעגט שוין זאָגן: „טאַטע־מאַמע־דו".
ענטפערען פלעגט מען איר „איילע ליולע, לו.
פלוצלונג האָט עפּעס פּאַסירט:
מיין קינד האָט מען אַוועקגעפירט,
אַוועקגעפירט וויט דאָרט
צו דעם ריינעם הייליקן אָרט . . .
(יאָרן קויפט מען ניט פאַר געלט)
זי איז אַוועק אויף יענער וועלט.
מיין האַרץ עס בענקט נאָך מיין קינד,
ג'ט האָט געשטראָפט מיך —
פאַר וועלכע זינד?
זאָל זי רוהען אין איר אייביגער רוה
דאָך זינג איך נאָך איר צו —
איילע־ליולע־לו.

באַמערקונג: אָנדענק צום שרייבער'ס אייגען קינד.

אַ מלאך זינגט *

האָפּ־האָפּ קינדערלאַך,
ג׳ס וועלט איז וואונדערלאַך,
פון הימעל אַ מלאך זינגט אַ שיר,
האָפּ־האָפּ אַ טענצעלע,
טאַנצט פאַר ג׳ט אַ מענטשעלע
פון הימל אַ מלאך זינגט פאַר מיר.

און ער ברענגט פאַר אונז
אַ געטליך ליד,
צו שאַפען שלום און פריד.
דאָס איז אונזער באַגער,
דאָס איז אַלעס וואָס מיר ווילען.
און ניט מער.

האָפּ־האָפּ מלאכימלאך,
ווייזט אונז ג׳ס דרכימלאך . . .
ווען הימעל ס׳פאַלט, און טאָג באַגינט.
האָפּ־האָפּ, קינדערלאַך,
ג׳ס וועלט איז וואונדערלאַך
פון הימל אַ מלאך צו ג׳ט ער זינגט.

און ער ברענגט פאַר אונז
אַ געטלאַך ליד,
צו שאַפען שלום און פריד.
דאָס איז אונזער פאַרלאַנג,
פון אַלע צייטען, און פון
דורות אַלטע לאַנג.

די איינזאַמע *

דאָרט ניט ווייט נעבען וואַלד,
זיצט זי גאַנץ אַליין . . .
זי זיצט און קלערט און רעדט צו זיך:
קוק ווי איך בין יונג און שיין!
אמת — איך בין יונג און שיין —
טו זאָג פאַר וואָס בין איך אַליין?
אמת איך בין גוט נאָך היינט,
זוך איך טאַקע אַ גוטען פריינט.

פלוצים פליט אַ ווינט דורך גיך,
הערט זיך צו ווי זי רעדט צו זיך,
און שטאַרקער בלאָזען נעמט דער ווינט;
שטאַרקער, שטאַרקער ער ברויזט און בלאָזט,
און האָט ווייט ווייט זיך אַוועקגעלאָזט,
און איר פאַנטאַזיע פון איר פאַרשווינדט.

זי מאַכט זיך הארץ און וויטער רעדט
צו דעם פוסטען וואַלד.
זי הערט אַ שטימע פון דער ווייט,
עס ענטפערט איר אָפּ באַלד . . .
די שטימע אָבער גאָר ניט רעדט,
נאָר ס׳פליט צום הימל אַ תפילה, אַ געבעט.
דאָס איז דער ווידער׳קול אין דער לופט,
עס ענטפערט יעדען וואָס רעדט און רופט.

פלוצים פליט אַ ווינט פאַרביי
און פרישט איר לעבען אָפּ אויפסניי.
און זי דערפילט אַ טרייסט דערצו.
דער ווינט פאַרטרייבט די וואָלקנס ווייט,
די זון קומט אָן פון דער זייט
און ס׳גיט איר האָפענונג און רוה!

די גליקלעכע פּאָר*

לאָמירביידע טאַנצען,
און זיי מיינע אין גאַנצען...
איך צו דיר און דו מיט מיר
לאָמיר ביידע גיין....
איך מיט דיר און דו מיט מיר —
לאָמיר צוזאַמען זיין.

לאָמיר ביידע טאַנצען,
און זיי מיינע אין גאַנצען...
מיין ווייבעל איז גוט ווי אַ טייבעל;
זי איז דאָך איינע אין דער וועלט...
מיין ווייבעל איז גוט ווי אַ טייבעל.
זי איז ווערט מיליאָנען געלט...

לאָמיר ביידע טאַנצען,
און זיי מיינע אין גאַנצען...
צוויי קינדער שיין אויף וואונדער
האָט אונז גאָט געגעבען.
צוויי קינדער שיין אויף וואונדער
איז אונזער גרעסטער פאַרמעגען.

לאָמיר ביידע טאַנצען,
און זיי מיינע אין גאַנצען...
לאָמיר ביידע זיין באַבע און זיידע...
ווייל דאָס איז דער גרעסטער גליק.
לאָמיר ביידע זיין באָבע און זיידע,
ווייל די יוגענט קומט מער ניט צוריק...

דער מענש און די בלום*

די זון פאַנגט אָן שײַנען פֿון דאָס ניי.
די וועלט באַוועגט זיך פראַנק און פריי.
די ביימער זיי רוישען און בילען זיך גיך,
באַפּוצט מיט גרינע בלעטעלעך האָבען זיי זיך:
אָבער אויף ווי לאַנג ? (2)
און דער הערבסט קומט אָן
און ער זאָגט אונז אָן
די צייט איז שוין געקומען:
ס'ווערען שוואַך די זונען שטראַלען,
ס'פאַנגען אָן די בלעטער פאַלען
מיט זייערע שענסטע בלומען.

מענש, דו ביסט דאָך אויך אַזוי,
דו האָסט אַ ווירדע ווי אַ שטרוי.
טאָ לעב זשע אויף דער וועלט
ניט בלויז צוליב געלט,
ווייל ווי די געפאַלענע בלאַט
מאַכט דאָס לעבען דיר מיד און מאַט.

דאָס קינד ליגט אין וויגעלע, די אייגעלעך פאַרמאַכט.
די מאַמע שטייט דערביי קוקט און טראַכט:
אוי, קינד מיינס טייערעס, שענק מיר דיין בליק,
דו ביסט דאָך מיין קרוין, מיין גרעסטער גליק.
אָבער אויף ווי לאַנג ? (2)
און די צייט קומט אָן
און זאָגט אונז אָן,
אַז די יוגענט ווערט פאַרפלויגען.
אַז עס איז נאָר בלויז
ווי די שיינע רויז,
וואָס ווערט גיך איינגעצויגען.

מענש, דו ביסט דאָך אויך אַזוי — א. אַז. וו.

זינגט אַ פייגעלע אַ לידעל *

עס שאָקעלט זיך אַ צווייגעלע,
עס וויגעלט זיך זיין בלאַט.
עס שטייט דערביי אַ פייגעלע
און עסט דאָס גראָז ביז זאַט.

זינגט זיך פייגעלע אַ לידל
פון פרי ביז שפּעט ביינאַכט.
אַ שטימעלע ווי פון אַ פידל.
אוי ס'איז שיין, אַ פּראַכט.

עס הענגט אַרונטער אַ בלימעלע
און עס באָדט זיך אין אַ טוי.
פון וייטן הערט זיך אַ שטימעלע
און עס איז זים אַזוי.

זינגט זיך פייגעלע אַ לידעל — א. אַז. וו.

עס פליסט אַ וואַסערעל זיך שטיל,
עס לויפט זיך שנעל זיין וועג.
די לופט אַרום איז דופטיג קיל.
אַ פייגעלע שטייט ביים טייכעל'ס ברעג.

זינגט זיך פייגעלע אַ לידעל — א. אַז. וו.

ציפ, ציפ, ציפ, פייגעלע,
און אויף דעם צווייגעל זיך געשטעלט.
איך דאַרף קיין הויז, קיין שטייגעלע,
אַז פאַר מיר איז פריי די וועלט.

זינגט זיך פייגעלע אַ לידעל — א. אַז. וו.

שאַ־שאַ־שאַ־שאַ־שאַ! *

שאַ־שאַ־שאַ־שאַ־ שאַ!
וואָס עפּעס פּאַר אַ טומעל, האַ
איך אַליין קען דאָס ניט פאַרשטיין.
זייט, קינדער, געלאַסען יעצט,
זייט שכל׳דיג און געזעצט.
ווייל איך אַליין מוז דאָס פאַרשטיין.

עס איז אַ סברא,
די זאַך איז אַ קלאָרע:
מיט אידישע צרות
וועט מען שלאָגען כפּרות.

אַ פייגעלע און אַ טייבעלע *

שפּרינגט אַרום אַ פייגעלע,
פאַרמאַכטערהייט אין דעם שטייגעלע
און זינגט זיך אַ לידעלע שיין.
קוקט אַרום אַן אייגעלע,
פאַרטראַכטערהייט אין דעם שטייגעלע,
און רעדט צו זיך אַליין:

קאָרוס:

אין שטייגעלע, אין שטייגעלע,
בין איך פאַרשפּאַרט.
ווער האָט מיך דאָ פאַרנאַרט
שטייגעלע, דו שטייגעלע,
פאַרשטעלסט מיין וועלט.
לאָז מיר פליען וואו מיר געפעלט.

פליט אַרום דאָס פייגעלע
און קוקט זיך דורך דעם שטייגעלע
און קלערט צו זיך אַליין:
איך דאַרף קיין שטייג,
איך דאַרף קיין ווענט,
נאָר פרייהייט, ווען איך וואָלט געקענט.

קאָרוס:

אין שטייגעלע, אין שטייגעלע — א. אַז. וו.

פליט פאַרביי אַ טייבעלע
און שטעלט זיך אויף דעם שייבעלע
און רעדט צו איר אַזוי:
קום מיט מיר, דו פייגעלע,
דאָרטן אויף דעם צווייגעלע,
וואו איך שטענדיג שטיי.

קאָרוס:

אין שטייגעלע, אין שטייגעלע,
בין איך פאַרשפאַרט.
ווער האָט מיך דאָ פאַרנאַרט
שטייגעלע, דו שטייגעלע,
פאַרשטעלסט מיין וועלט.
לאָז מיר פליען וואו מיר געפעלט.

קינדערלעך*

קינדערלעך, איר זייט קליינע,
אייערע הערצעלעך זיינען ריינע.
אייערע ביינדעלעך זיינען דינע.
עס רוט אויף אייך די שכינה.

ווייל אַלעס, אַלעס איז פאַר אייך,
בערג און טאָל, פעלד און טייך.
סיי פאַר אָרעם, סיי פאַר רייך.
אַלע קינדער זיינען גלייך.

קינדער, איר זאָלט לוסטיג זיין,
וויפיל נאָר עס אייך געפעלט,
ווייל עס איז יעצט פאַר אייך
אָפען די גאַנצע וועלט.

ווייל אַלעס, אַלעס — א. אַז. וו.

קינדער, איר זאָלט פריילעך זיין,
שפרינגט אַרויס און שפרינגט אַריין.
טאַנצט ווען ס'רעגנט און ס'שנייט,
וואו איר ווילט נאָר אַהין גייט.

ווייל אַלעס, אַלעס — א. אַז. וו.

קינדער, איר זאָלט ניט זאָרגען
ניט פאַר היינט און ניט פאַר מאָרגן.
און נאָך אייער אייגענעם ווילען
זאָלט איר זיך שטענדיג שפּילען.

ווייל אַלעס, אַלעס — א. אַז. וו.

קינדער, איר זאָלט שלאָפען גיין,
ועט איר זיין געזונט און שיין.
און טוט טאַטע־מאַמען קישען,
וועט איר האָבען אַ שלאָף אַ זיסען.

ווייל אַלעס, אַלעס איז פאַר אייך,
בערג און טאָל, פעלד און טייך.
סיי פאַר אָרעם, סיי פאַר רייך.
אַלע קינדער זיינען גלייך.

דער פאַרצווייפעלטער

אַך, יא, געליבטע מיין,
ווי קען דען דאָס אנדערש זיין?
ווען איך דערמאָן זיך פון די צייטען,
ווען אַיך פלעג דיר דערזעהן פונדערווייטען,
פלעגט מיין האַרץ געבען אַ ציי,
און מיין נשמה צו דיר א פלי.
פילע יאָרן זיינען שוין פארפלויגן,
נאָך שטייסטו מיר פאַר די אויגן.
ווען איך פון דיר נור קלער,
פאַלט פון מיין אויג א טרער.
אויב ליבע איז ניט באַשערט,
דאַן וויפיל איז דאָס לעבען ווערט?

דער גליקליכער טאָג*

שוין פילע יאָרן ווי איך גיי אַרום
אויף דער ליכטיגער וועלט.
איך זע ווי נאַריש און ווי דום
די וועלט האָט זיך איינגעשטעלט.
ניין — דאָס איז ניט נאָך מיין גאַנג!
איך וויל נור ערליך און שעהן.
ג'ט גיב מיר עטוואס מיין פאַרלאַנג,
מיין געבעט צו דיר זאָל דערגיין.

ק אָ ר ו ס:

פאנגען די פייגעלאך אָן זינגען,
די קינדערלאך שפרינגען,
די זון איז ארוים פון שייד,
די יונגע, זיי טאַנצען,
די אַלטע — זיי גלאנצען,
די וועלט ווערט פול מיט פרייד.

שוין פילע יארן ווי איך האָב געגאַרט
נאָך א גליקליכן טאָג,
ענדליך האָב איך מיר דערוואַרט:
איך גענים וואָס איך טראַכט און זאָג.
דאַן גיט די זון א העלען שטראַל
איבער מיין מידען קאָפּ...
בלומען וואַקסען איבעראַל
פון אויבן ביז אַראָפּ...

פאַנגען די פויגעלאך אָן זינגען א. ז. וו.

מדינת ישראל

אָדער א גרוס פון דאָס אַלט נײ לאַנד*

פון אונזערע אבות צייטען אָן
ווי דער איד וואַנדערט אַרום, (2)
מען טרייבט אים, מען יאָגט אים
פון איבעראַל און אומעטום, (2)
פון א לאַנד אַרויס און א לאנד אַריין,
דער מארש גייט אָן טאָג אויס, טאָג איין.

נאָך דעם לאַנד פון אַמאָל.

קאָרוס:

און א באַפרייטע לאַנד איז שוין פאַראַן.
עס פאַנגט זיך אָן אַ נייער זמן.
מען קען שוין זען פון דער ווייט:
בערג, וואַלד, ים און טאָל.
עס פאנגט זיך אָן א נייע צייט,
מיט דער הילף פון גאָט און לייט.
דער וועג פאר אידן ווערט פריי איבעראַל,
זיין וועט פריי איבעראַל.

אַ גרוס קומט אָן צו אונז
פון דעם אַלט נייעם לאַנד, (2)
עס שוועבט א בלוי־ווייסע פאָן
הויך אין אידנ׳ס שטאַרקער האַנט, (2)
עס בלאָזט אַ נייער פרישער ווינט,
דער מאַרש גייט אָן גיך און געשווינט.

נאָך דעם לאַנד פון אַמאָל.

קאָרוס:

און א באפרייטע לאַנד איז שוין פאַראַן — א. ז. וו.

עס רופט אונז א געטליכע שטימע,
און עס הערט זיך אַ קלאַנג, (2)
ס'מאַרשירט דער שטאָלצער טרוימער
נאָך מזרח מיט פרייליך געזאַנג, (2)
די זון שיינט אויף פון דאָס ניי,
דער מאַרש גייט אָן: איינס, צוויי, דריי!
נאָך דעם לאַנד פון אַמאָל.

קאָרוס:

און א באפרייטע לאַנד איז שוין פאַראַן — א. ז. וו.

איבערזעצונג פֿון מדינת ישראל

התחיה*

העברעאישע פרייע איבערזעצונג פֿון ל. מלאַטעק, שיקאַגאָ

1

סלה: מימי האבות ועד הנה
היה עמנו נע ונד,
היה עמנו נע ונד,
מרדף נענה בלי חשך —
עם אלהיו עודנו רד,
עם אלהיו עודנו רד,
ובנודו בחשכת אַרצות נוד.
מקוות לאור לא חדל עוד.

עד שיום התחיה בא
הנה בא.

מקהלה: יום התחיה הנה בא...
לשוב לארצו הגיעה השעה.
אליה ישאף ממעמקים
דרך ימים והרי עד.
שמה ינהר ממרחקים,
לא יעזבנה עדי עד.
יום התחיה הנה בא...
יום התחיה בא.

יום התחיה הנה בא...
הנה בא.

2

קול השופר שוב יריע,
מהמזרח קורא בקול,
מהמזרח קורא בקול,
דגל תחלת שם יופיע
מרום ונשא לעיני כול,
מרום ונשא לעיני כול,
שמש אביב מלא אור
יבשר לעמנו חפש, דרור.

יום התחיה הנה בא...
הנה בא.

3

מקהלה: קול אלהים זה קורא לנו
אותו ישמע כל איש ואיש,
אותו ישמע כל איש ואיש,
את הגולה נעזב כלנו;
אל ארצנו נשוב חיש,
אל ארצנו נשוב חיש,
שמש אביב מלא אור
יבשר לעמנו חפש דרור.

יום התחיה הנה בא...
הנה בא.

אידישער וואַנדערער *

ים׳ן, טייכן,
בערג און דאָס גלייכן
באַגעגן איך מיר אויפ׳ן וועג.

אמת, ריכטיג טאַקע אזוי!

שטורעם, בליצען,
קעלט און היצן, —
דער וועג האָט קיין ברעג און קיין שטעג...

אמת, ריכטיג טאַקע אזוי!

אבער איך האַלט פעסט די פּאָלעס
און געה מיר דעם גלות
מיט׳ן גאַרטעל געבונדען אַרום.

אמת, ריכטיג טאַקע אזוי!

אבער א פרייד האָט מיר געטראָפען —
ישראל׳ס לאַנד איז שוין אָפען,
איך וואַנדער צוריק פון אומעטום.

אמת, ריכטיג טאַקע אזוי!

***

אך יא, דו ליבער ג״ט,
מיט דיינע גרויסע וואונדער.
ווער קען מאַכן אזוי אָט,
דאָס הימעל און ערד באַזונדער.
יאַמן און טייכן, בערג און טאָל
האָסטו באַשאַפן גאָר אָן אַ צאָל.

ווען איז די ווייב גוט? *

פּרוביר טרעפן

ווי געפעלט אייך די דאָזיקע זאַך?
ווען איר ווייסט דאָס וואָלט איר געבן אַ לאַך,
ווען איך פאַרצייל אייך — ווי געוויינטלאַך
אַזאַ ווייבל — גוט ווי אַ טייבל
פאַרציילן קען איך אַסך,
יעדע מינוט און יעדע שעה
איז זי דאָך אַזוי גוט,
ווען זי איז אַהיים נישטאָ.

מיין ליב שיין ווייבעלע,
איך בענק נאָך דיר, אוי א שרעק,
ביזט גוט ווי א טייבעלע,
ווען דו גייסט נאָר פון הויז אַוועק.
מיין ליב שיין ווייבעלע,
אַ פּרעזענט וועל איך דיר קויפן,
מיין ליב שיין ווייבעלע,
ווען דו וועסט פון מיר אנטלויפן.

ווי געפעלט אייך די היינטיקע צייט?
אלע דאגה׳ס לייגט מען אָן אַ זייט,
מיין ווייבעלע דאַרע איז קיין עין הרע
קלוג ווי אַ מלאך,
זי איז אַוועק אַ מהלך
ווער ווייסט וואָס דאָס באַדייט...
זי שרייבט מיר בריוו יעדע וואָך,
זי דאַרף האָבן געלט נאָך און נאָך.

מיין ליב שיין ווייבעלע א. ז. וו.

ווי געפעלט אייך די היינטיקע וועלט?
עס איז אַלעס פאַלש און פארשטעלט,
ווען מען אַרט עס — אז מיין קאָפּ עס דארט עס,
אז מיין ווייבל דאַרע איז א גרויסע צרה,
אַבי מיר קאָסט אָפּ פיל געלט,
יעדן זומער און אַלע צייט,
איז זי דאָך אַזוי גוט,
ווען זי איז פון מיר ווייט.

מיין ליב שיין ווייבעלע א. ז. וו.

אין שול ביים דאַוונען

קום איך מיר אין שול אַריין,
זעץ זיך אויף א שטילן אָרט.
איך וויל הערן גוט דעם חזן,
אים פארשטיין יעדעס וואָרט.

דער חזן באַקליידט און באַגייסטערט
באַטרעט דעם אויבן אָן.
הויבט אָן מיט שטילע ווערטער
און מיט א זיסן טאָן.

דער חזן טוט זיין פליכט ערפילן,
רעדט מיט האַרץ צו ג'ט.
ער וויים אין זיין שול
ריידן איז שטרענג פאַרבאָט.

פלוצלונג גיט דער חזן זיך א דריי,
און מיט דער האַנט טוט ער א פאָך.
עס הערט זיך ריידן פון דער ווייט
איבער ביזנעס א גאַנצער וואָך.

דער שמש טוט אָן טיש א קלאַפּ, —
„שאַ־אַ, זאָל זיין שטיל!
וואָס איז דאָס פאר א טומל,
זאָל דער דאַוונען, ווער עס וויל"...

עוואָלושאַן*

(פּיקניק לידער)

אַ קריטיק איבער דאַרווין

„פון וואַנען שטאַמט דער ערשטער מאַן?"
האָט אייך דערקלערט דאַרווין דאַן.
האָט מיר טאַקע גוט פאַרדראָסן:
אַז פון אַ חיה, וואָס האָט קיין שכל
אַפילו פאַר קיין גראָשען.

נו, האָט איר ווען זיך פאָרגעשטעלט
אַ נייעם נייס אין דער וועלט?
נו, הערט וואָס האָט פּאַסירט:
די סאַמע גרעסטע קעפּ,
האָט דער דאַרווין־פּלאַן פאַרפירט.

פון דעם שניידער און דעם פרעסער,
פ̣ון דעם סטודענט און פראָפעסאָר,
האָט ערקלערט אַ נייע תורה,
וואָס איינער האָט באַצייכענט
אַלס גוטע שטיקעל סחורה.

וועט מען טאַקע אייך איינריידען
וועגען אייער באָבען און זיידען,
וועמענס גלויבען און פאַרשטאַנד
וועגען מענש און וועגען חיה
איז געגאַנגען האַנד אין האַנד.

חיות גייען נאַקעט, אָן קליידער,
ניט געגאַנגען אַפילו אין קיין „חדר"!
ניט געלערענט אין קיין קלויזען
זיי גייען — מיר אַנטשולדיגט —
אַפילו נאָך אָן הויזען.

ווילדע חיות איז גאָר ליבער
אָן הייזער און אָן שטיבער,
קיינע פענצטער מיט גאַרדינען,
האָבען גאָר קיין זאָרגען
אויף אַ לעבען צו פאַרדינען.

נו, וועט אייער קלוגער שכל
דעם רב דאַרווין זיין מוחל.
וואָס האָט אונז אָן רחמנות
געגעבען אַ נייעם גלויבען
אין נאַרישע לצנות.

מענש קען ריידען, זינגען אומעטום,
אַ חיה קען נאָר געבען אַ ברום.
טו וואָס טייג דער נייער פּלאַן?
ניט פאַר מיר און ניט פאַר אייך
אַז ג'ט איז גאָר פאַראַן!

אונזער שאדען — אונזער פּיין

אונזער וועלט אַ שיינע, אַ ליכטיגע,
פּלוצלונג נאָך ליכטיגער איז געוואָרען,
מיליאָנען פליכטלינגע דורך די מלחמה יאָרען,
באַלויכטען פון אַ שרעקליך פייער.
אידען פאַר דער ליכטיקייט
באַצאָלט האָבען זייער טייער.

אידען אַלטע, קינדער יונגע.
צוזאמן אין בלוט זיך געבאָדן.
ווען און ווער קען גוט מאַכן,
אונזער גרויסן שאָדן.

אידען פון די בעטען, קינדער פון די וויגען,
צוזאַמען אין קבר ליגען.
אידען שוואך ווי די שאָף,
אָה ג'ט די מערדער באַשטראָף,
די וועלכע האָבען דעם פייער געצונדען
פון דער וועלט מוזען ווערען פאַרשוואונדען.

דער וואַדעוויל חזן *

מיינע ליבע גוטע פריינט,
אייך עפּעס ערקלערען וויל איך היינט:
איך האָב אַ ווייב מיט קינדער אַכט,
אַרבייטען מוז איך טאָג און נאַכט.

(צושפּיל)

איך האָב אַ דזשאַב אין אַ קאַבאַריי,
זאָל זיין דאָרט אָך און וויי
איך זינג וואָס זיי געפעלט,
עס זעט זיך אָבער ניט קיין געלט.

(צושפּיל)

(רעד)
מאַכט זיך מיר אַ שול מיט אַ כאָר,
וועל איך אַזוי טאָן יעדען יאָר.
איך וועל זיך אָנטאָן אַ באָרד מיט אַ היטעל
און דערצו אַ טלית מיט אַ קיטעל.
און וועל זאָגען ווערטער הויך און שאַרף
אַזוי ווי אַ חזן דאַרף.
אוי — וועל איך אַ קדיש זאָגען,
אַז מען וועט די שול צעטראָגען.

(רעד)
מיינע ליבע גוטע אידען,
איר וועט זיין פון מיר צופרידען,
ווילט איר ניט פאַר אַ גאַנץ יאָר,
זאָל זיין פאַר דריי טעג נאָר.
איך וויים ווי צו געבען אַ קרעכץ,
מען זאָל מיר הערען לינקס און רעכטס.
(זינג)
איך וועל דאָס באַווייזען מיט אַ פאַקט,
שרייב נאָר אונטער דעם קאָנטראַקט.

(צושפּיל)

פּראָהיבישאָן ביים רבין *

אָדער, וואָס טוט מען אָן בראָנפֿן ?

רב שעפּסעל, רב שעפּסעל,
זעצט זיך אויבען אָן.
ניטאָ קיין שנעפּסעל, קיין שנעפּסעל
נאָר דעם רבינס טראָן.

רב קאָפּעלע, רב קאָפּעלע,
זעצט זיך דאָ ביים טיש,
נישטאָ קיין ביטער טראָפּען, קיין טראָפּעלע
נאָר היים געפילטע פיש.
נו — וואָס טוט מען ?

נו, מאַכט זשע אַ לחיים !
ברידער עס איז גוט !
ס'איז משקה פון ריינעם מים.
פאַרלירט ניט דעם מוט,
דער רבי רב בענצעל
ער גייט זיך אַ טענצל
און דער רבי בצלאל
ער זינגט צו ג'ט אַ הלל.
נו, וואָס טוט מען ?

רב העשעל, רב העשל,
ס'איז עפּעס אַ גזרה אַ נייע.
אוי, ס'איז ליידיג די פלעשל, די פלעשעל,
טענה'עט דער רבי רב שייע.

רב נתן, רב נתן,
גיסט זשע אָן די פלאַש.
עס וועט ניט קאָסטען אַפילו קיין גראָשען
אויף וואַסער אַ גאַנצן פאַס.
נו, וואָס טוט מען ? א. אז. וו.

רב זלמן, רב זלמן,
די משקה איז פראָסט געמיין.
שרייט דער רבי רב קלמן :
ס'איז שוין צייט אַ היים צו גיין.
נו, וואָס טוט מען אָן בראָנפֿן ? א. אז. וו.

פּיקניק לידער *

„חברים"

פאַר אַמוזירונג. צו זינגען מיטן מאָטיוו
זע מוזיק

אויפמערקזאַם אָרגאַניזיישאָנס

די נעמען פון פּערזאָנען וועלכע דאַרפען דאָ דערמאָנט ווערען צווישען די גראַמען, לאָזען מיר אָפּען פריי פאַר אייך אַליין איינצוטיילען די פּערזאָנען נאָך זייערע כאַראַקטערען נאָך.

פאַראַן חברים, לצנים גוט באַוואוסטע,
פּאַרטאָן אין זאַכען, סיי ערענסטע, סיי פּוסטע.
חבר ——— —איז אַ גרויסער שרייער,
ווען ער רעדט שיסט ער ווי פון פייער.

(צושפּיל)
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ —

פאַראַן חברים גייען מיט קיינעם ניט באַנאַנד
מאַכט זיי אבער ניט אַוועק מיט דער האַנד.
חבר ——— איז טאַקע אַ גרויסער לויפער,
אויך דער בעסטער טיקעטס פאַרקויפער.

(צושפּיל)
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ —

נאָמען
חבר ——— איז גאָר אַ גוטער משגיח,
ער לויפט אַרום ווי דער רוח,
און האַלט אין איין שרייען,
מען זאָל עסען, מען זאָל קייען.

(צושפּיל)
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ —

נאָך אַ חבר איז פאַראַן,
גרויס אין גאַנצען ווי אַ שפּאַן.
איז פול יעדען מיטינג און קאַמפּיין,
באַקוקט יעדע מיידעל וואָס איז שיין.

(צושפּיל)

טראַ־לאַ־לאַ־לאַ —

(נאָמען)

חבר ——— פון דער קאַפּעליע „שטאַם״,
וואו ער קומט מאַכט ער אַ טאַראַראַם.
ער איז פול אויף אַלע פראָנטען,
און זינגט באַלד אויף אַ ניגון אַ באַקאַנטען.

(צושפּיל)

פאַראַנען חברים, גרויסע פילאָזאָפן,
מיינען אַז דאָס גראָס האָט גראַדע זיי געטראָפען.
חברים, וועמען ס׳טוט פאַרדריסען
ווייסען ניט וועמען דער גראָם וועט שיסען.

(צושפּיל)

(נאָמען)

פאַראַן אַ חבר ——— —טאַנצט אין אַ קאַדריל,
אָבער טוט וואָס ער וויל.
וואָס ער טוט, טוט ער טיכטיג,
און וואָס ער רעדט, מיינט ער ריכטיג.

(צושפּיל)

(נאָמען)

חבר ——— איז אַלעמען באַקאַנט,
האַלט זיך זייער טאָלעראַנט.
אין מיטען פון אַ קנוסה,
קען ער האַלטען אַ דיסקוסיע.

(צושפּיל)

אַנטשולדיגט מיר חברות, מיידלעך און פרויען,
צו זאָגען אייך דעם אמת איז דאָך קיין בזיון.
דעם אמת זאָג איך אייך,
איך זייט מיט די אשת חיל גלייך.

(צושפיל)

אַנטשולדיגט מיר חברות,
פרויען און מיידלאַך.
עס וועט אייך ניט העלפן. גאָר קיינע דריידלאַך.
עס קומט אייך א גרויסן יישר־כוח
פאר די טייגלאך און די קניידלאך.

(צושפיל)

„מיר פאָרן צוזאַמען"*

א פּיקניק ליד

עפּעס הערט זיך גוטע נייעס,
טאקע אין א גוטער לאַגע, —
האָט געזאָגט דער בעל־הבית,
וואָס יעדער שטעלט אַ פראַגע.

וואו גייען מיר איצט פאָרן ?
גיט איינער מיר א פרעג.
וואו מען איז געוועזן פאַראַיאָרן,
אויפ׳ן זעלבן שיינעם וועג.

איך האָט טאקע פאַרשטאַנען,
ליבער גוטער פריינד,
גוטע עסענס איז פאַראַנען,
פאָרן וועלן מיר נאָך היינט.

אלע פאָרן מיר צוזאמען,
גאָר אָן אַ טענה,
סיי מיט שיפן, סיי מיט באַנען,
אין א פלאַץ גאָר אַ פיינע.

באַמערקונג: ענדליך, ווען דייטשלאַנד האָט אָנגעפאַנגען קריגן קלעפּ אין דער צווייטער וועלט-מלחמה, האָבן זיי זיך פאַרשטעלט פאַר אידן און אליין זיך אנגעטאָן געלע לאַטעס, כדי זיך צו ראַטעווען צוזאַמען מיט די אידן, ווייל אַמעריקאַ האָט אנגעפאַנגען באַשיצען די אידן.

דייטשלאַנד האָט געברענט*

די וועלט האָט זיך אַ דריי געטאָן —
ארונטערגעריסען די נאַצישע פאָן,
די וועלט ווערט שוין איבערגעבויט,
און די נאַצים שפּרינגען פון דער הויט...
אָט אזוי, אָט אזוי,
געברענט האָט דייטשלאַנד,
פּונקט ווי שטרוי. (2)
דער איד אוי'ן האַנד געטראָגן האָט
אַ לאַטע אַ געלע פאַר שאַנד און שפּאָט,
די וועלט האָט איצט געגעבן אַ קלער —
הערשן די נאַצים זאָלן ניט מער.
אָט אזוי, אָט אזוי,
געברענט האָט דייטשלאַנד,
פּונקט ווי שטרוי. (2)
די וועלט האָט ווידער אַ דריי זיך געטאָן,
די נאַצים האָבן זיך אַ לאַטע אָנגעטאָן*)
אויס מורא פאַר זייער אייגענעם פעל,
געטראָגן האָבן זיי אַ לאַטע פון געל.
אָט אזוי, אָט אזוי,
געברענט האָט דייטשלאַנד,
פּונקט ווי שטרוי. (2)
די פירער די גרויסע, די פירער די דריי
באַפרייען די וועלט פון דאָס-ניי.
אידן בויען, אַ ציגל פאַר ציגל,
א לאַנד באַשיצט מיט אמלאך'ס פליגעל.
אָט אזוי, אָט אזוי,
געברענט האָט דייטשלאַנד,
פּונקט ווי שטרוי. (2)

*אײלע ליוליע, אידעלע

(שלאָף־ליד)

אַלע:
אײלע ליוליע אידעלע,
שלאָף זשע אין דיין וויגעלע,
שלאָף זיך רוהיג אָן זאָרגען,
עס קומט א נייער מאָרגען —
ער וועט דיר זינגען אַ נייע לידעלע.

ווען דעם אידעלע געהט נאר אביסעלע גוט,
זאָ צאַפּט מען אים זיין בלוט.
ווען דער אידעלע קריגט נאר אביסעלע מוט
זאָ האַסט מען אַלעס וואָס ער טוט.

אַלע:
אײלע ליולע אידעלע,
שלאָף זשע אין דיין וויגעלע,
שלאָף זיך רוהיג, און ניט חלום,
די וועלט געהט צום שלום,
ער וועט דיר זינגען א נייע לידעלע.

אײלע ליוליע אידעלע,
שלאָף זשע אין דיין וויגעלע,
שלאָף זיך רוהיג אָן זאָרגען,
עס קומט א נייער מאָרגען —
ער וועט דיר זינגען א נייע לידעלע.

*ישראל מאַרשירט

אויפמאַרקזאַם: צו זינגען מיט דער מעלאָדי פון האָם סוויט האָם.

ישראל מאַרשירט,
קיין צייט ניט פאַרלירט —
נעמט זיך אַלע ביים האַנד.
קומט אַלע צוזאַמען,
אַהיים צו דער מאַמען —
קומט אין אונזער לאַנד.

צי געדענקט איר די צייטען,
ווען דער איד פלעגט שטרייטען
ווי דער מכבייער העלד ?
ווי יהודה אַמאָל
קעמפט ער פאַר ישראל
מוטיג אויף דעם פעלד.

ישראל מאַרשירט — אַ. אַז. וו.

דאָך לאָזט אים ניט אַליין
אויף דעם פעלד שטיין —
העלפט אים, שטאַרקט זיין האַנד.
ניט שטייט פון דער ווייטען,
איר אויך מוז שטרייטען
פאַר זיך און פאַר דעם לאַנד.

ישראל מאַרשירט — אַ. אַז. וו.

די וואָפען, ברידער,
וואַרפט ניט אַנידער —
אַזוי לאַנג ווי דער קאַמף גייט אָן.
אַזוי לאַנג ווי דער שווערד
רעאַגירט אויף דער ערד
האַלט הויך ציון׳ס פאָן.

ישראל מאַרשירט א. אַ. וו.

„ראש השנה" ערינערונג

„מאַמע דער טאַטע קומט פון שול"
האָט געזאָגט מיט שמחה פול
ס'קליינע מיידעלע, מיין שוועסטער
מיט איר שיינעם נאָמען: „אסתר"

„לשנה טובה תכתבו"
זאָגט דער טאַטע קומענדיג.
„מיר זאָלען דערלעבען איבער אַיאָר"
ענטפערט די מאַמע אומעדיג...

מיר קינדער זעצען זיך צום טיש
און וואַרטען אויפן האָניג־זיס;
מיר טונקען איין דעם ערשטען ביסען
ס'ווינשט דער טאַטע: אַ יאָר אַ זיסען!

אין שול דער טאַטע קומט אויף מאָרגען
בעט ביי ג'ט: ניט צו דאַרפען באָרגען;
מיט'ן טלית איבער'ן קאָפּ געבויגען,
דער טאַטע זעהט שוין מיט זיינע אויגען.

ווי ג'ט זיין תפילה האָט פאַרנומען,
ס'מזל איז צו אים געקומען.
זינט דאַן שוין פילע יאָרן שוין פאַרלאָפען,
דער טאַטע האַלט נאָך אין איין האָפען...

אַ זאַמלונג פון פאָלקס־לידער

דידאָזיגע טייל פון די לידער זיינען באַאַרבייט פון מיר צוליב אָנ־דענק פון די יוגענד־יאָרן, וועלכע איך פלעג זיי זינגען, און אויך צוליב דעם אינטערעס, אז די לידער זאָלן זיך געפינען פאר׳ן אידישן אויג, און זיי זאלען ניט פארלאָרן גיין.

משה אבא ווייצמאַן.

דער מאנטעל *

האָב איך געהאַט אַ מאַנטעל פון ריינעם טוך,
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ
איז אין אים געווען גאָר קיין דוך,
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ (2)
האָב איך פון דעם מאנטעל אַ רעקל געמאַכט.

האָב איך געהאַט אַ רעקל פון ריינעם טוך,
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ
איז אין אים געווען גאָר קיין דוך,
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ (2)
האָב איך פון דעם רעקל אַ וועסטל געמאַכט.

האָב איך געהאַט אַ וועסטעל פון ריינעם טוך,
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ
איז אין אים געווען גאָר קיין דוך,
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ (2)
האָב איך פון דעם וועסטעל אַ היטעל געמאַכט.

האָב איך געהאַט אַ היטל פון ריינעם טוך
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ
איז אין אים געווען גאָר קיין דוך,
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ (2)
האָב איך פון דעם היטל גארנישט געמאַכט.

מענש זיי ניט גענאַרט *

מענשעלע, דו מיינסט דו וועסט אייביג לעבן ?
דו דיינקסט פון דיין ענדע גאָר ניט,
תענוג און געלט — דאָס איז דיין שטרעבן,
האָסט קיין רחמנות פארגיסט מענשענ׳ס בלוט.
דו בויסט פּאַלאַצען מיט בלומען א סך,
און דו דענקסט דו בלייבסט אייביג דאָרט,
דו רויבסט דיינע ברידער, דו ווילסט ווערען רייך,
דו פאַרגעסט גאָר דאָס הייליגע אָרט.

וואו קברים בלעטעלעך,
וואו גרינע גרעזעלעך
פארדעקען דיין אייביג רוה,
און דיינע געדערימלעך
ווערען עסען ווערימלעך,
עס העלפט ניט דיין רייכטום דערצו.

מענשעלע, ווען דו ווערסט נור געבאָרן,
ביזטו שוין פאראורטיילט צום טויט,
מער דו געווינסט, מער האָסטו פארלארן,
דארום זיי אויף זיך ניט צופיל פארטרויט.
לעב און לאז לעבן, האָב תמיד גענוג,
און העלף אויך דיין שונא זאגאר.
לעב רואיג דיין וועלט, זיי ניט צו קלוג,
ווייל סיי ווי סיי שטארבסטו א נאַר.

אייביג בליט דיין היימעלע,
דאָס בית־עולם בוימעלע,
פארגעסן ווערסטו דאָך געשווינד
אין פינסטערן קבר׳ל
פוילט יעדעס אבר׳ל...
דאַרום, מענש, דערמאָן דיר אצינד...

די צובראָכענע האַרץ*

זאָג מיר, דו מיידעלע,
דו שעהנע, דו פיינע,
וואָס איז דיר נאַס
די אויגעלעך דיינע?
זאָג מיר דיין זינען,
דיין ביטערעס האַרץ,
דיינע אויגעלעך פינסטער,
די ליפּעלעך שווארץ.

ווי זאָל מיר ניט זיין
די ליפּעלעך שוואַרץ,
אז מען האָט אָבגערעדט מיין געליבטן
עס פּלאַצט אין מיר מיין האַרץ.
לייטע מיט פאַלשע צינגער,
זיי טוען אַרום מיר ריידן,
אז איך האָב זיך געטאָן
מיט מיין געליבטן אָבשיידן.

לייטע גייען שפּאַצירן
און מען רעדט אויף זיי קיין וואָרט.
אויף מיר האָט מען געטאָן ריידן,
ווען איך בין געזעסן אויף אַן אָרט.
לייטע שפּילען א ליבע,
זיי פירן גוט אוים,
אין מיר ברענט א פייער,
איך האַלט דאָס גאָר ניט אוים.

די זון האָט געטאָן
אין מיין פענסטער שיינען,
ווען מען האָט אָפּגערעט מיין געליבטן,
דעם שיינעם און דעם פיינעם.
איז געקומען א וואָלקען
מיין גליק באַדעקן,
אוי, דער טויט, דער טויט
טוט אין מיר שרעקן.

וואָס זאָל איך ווערן? *

זאָל איך ווערן א רב —
האָב איך ניט קיין תורה.
זאָל איך ווערן א סוחר —
האָב איך ניט קיין סחורה.

און דער רעדל דרייט זיך,
און א ביסל בראַנפּן ווילט זיך,
און די ווייב שילט זיך.
זע איך מיר א שטיין,
זיץ איך מיר און וויין.

זאָל איך ווערן א גבאי —
האָב איך ניט קיין קלויז,
זאָל איך ווערן א בעל הבית —
האָב איך ניט קיין הויז.

און דער רעדל דרייט זיך, א. ז. וו.

זאָל איך ווערן א שוחט —
האָב איך ניט קיין חלף,
זאָל איך ווערן א מלמד —
קען איך קיין קאָמעץ אַלעף.

און דער רעדל דרייט זיך א. ז. וו.

זאָל איך ווערן אַן אַקטיאָר —
האָב איך ניט קיין בימע,
זאָל איך ווערן א חזן —
האָב איך ניט קיין שטימע.

און דער רעדל דרייט זיך א. ז. וו.

שלום עליכם*

באַארבעט פון דעם מחבר

שלום, שלום עליכם,
שלום עליכם ועל בניכם שלום
אין דער אַלטער היים אמאָל
מיט כבוד און גרויסקייט
גאָר אָן אַ צאָל —
שלום על כל ישראל.

עס שפּאַנט ארום א איד
און ווערט גאר ניט מיד
אין בית המדרש נעבן סטענדער
ער זינגט אַ גמרא ניגן,
אין בית המדרש טוט ער ליגן,
וואו עס לערנט דער אַלטער רבי סענדער

און זינגט זיך, שלום א. ז. וו.

דער פאָסט ברייגנגט אים א בריף.
ער האָט גאָר קיין באַגריף
קיין אמעריקאַ צו פאָרען.
דער זון רופט אים דאָרט,
ער זאגט אים א גוט וואָרט:
זיך ניט געזען אזוי פיל יאָרן

און זינגט זיך, שלום א. ז. וו.

אין דעם לאַנד דעם נייעם
איז ער מצוות ניט מקיים,
און די האַרץ אַזוי ס׳קריינקט,
דער זון האַלט ניט פון כשר,
ער עסט טרפן בשר...
נאָך דער אַלטער היים —
אוי, ווי ס׳בייגנגט!

און זינגט זיך — שלום א. ז. וו.

חתן־כלה באַזעצנס *

פאָרשפּיל מוזיק

אַך, נשים צדקניות,
שטעלט זיך אַלע אָן אַ זייט,
און די ליבע כלה וועל איך געבן צו ערקלערן,
ווי זי דאַרף זיך באַגיין די צייט.
היינט זאָלסטו ניט זשאַלעווען קיין טרערן,
ווייל טרערן גרייכן דאָך זייער ווייט.
דארום בעט ביים רבונו של עולם
ער זאָל דיר גוט אויסהערען,
ווייל דו גייסט דאָך היינט אַ פרוי ווערן.

צושפּיל

נאָך אַ זאַך וועל איך דיר זאָגן,
ווי אַ כלה דאַרף זיך נוהג זיין,
אז זי וויל אַ לעבען פאַרברייינגען שעהן און פיין.
דאַרפסטו דאָך בעטען ביים רבונו של עולם
בתפילה בתחינה   אביסעלע מזל,
וואָס דו קענסט דאס ניט קריגן אין די וויטסטע מדינה,
וואָרום אַלע דיינע מעשים
קומען דאָך היינט פאָר פאַר דעם רבונו של עולם
להדינה:

פאַר דעם חתן

צושפּיל

צו זיית איר אַמאָל געוועזן ביים ברעג ים,
צו האָט איר געזען ווי אַ שיף איז אוועק פון דאַן,
זי האָט געמאַכט איר רייזע גאַנץ ווייט,
און מיטגענומען איר שפּייז אויף אַ באַשטימטע צייט.
און דער זעגעל וואַר שוין אויך פאַרשפּרייט,
און ווידער זאָלט איר וויסן זיין,
איין שיף איז פאַראַן, מאַטראָזן און קאַפּיטאַן.
ווי אומעדיג און טרויעריג זיי טוען ביים שטייער שטיין,

אז חלילה די שיף האַלט ביים אונטערגיין,
און דאַן טוען זיי צו ג' לויבן,
אַז זיי טוען בשלום דעם ים אַריבער הויבן.
צושפּיל — ענדע

פאַר'ן חתן

אַט נאַפרימער, דאַס איז דער מער,
דו ביזט דאָך אויך אין אזא צייט.
דו ביזט דאָך דער שיפ'ס קאַפּיטאַן,
דער שיפ'ס רעגירער, דו ווערסט דאָך איר מאַן,
איר דערנערער.
דו לאָזט אוועק דיין לעבן,
ווי א שיף אויפ'ן ים.
שיף זעגל און רודער איז ביי דיר אין האַנד פאַראַן,
דארפסטו דאך וויסן ווי די שיף ריכטיג צו רעגירן,
אז דו זאלסט חלילה קיין שלעכטס ניט שפירן,
און דו זאָלסט ניט דאַרפן בעטן ביי ג'ט
אַ בקשה, א תפילה.
דאריבער איז איצט די צייט
ביי דיר צו בעטן און צו זאָגן
א יי שומרנו מכל צרותינו.

(צושפיל)

צוויי זאַכען האָב איך דיר שוין פאָרגעשטעלט
ריכטיג בתמונה,
אז דו זאָלסט ניט וויסן דעם טעם
פון אן עגונה.
איבער די צוויי זאַכען זאָלסטו ניט זשאַלעווען
קיין טרערן צו גיסן,
און דעם נאָמען „חליצה" זאָלסטו אויך ניט וויסן.

צושפּיל

זאַלט איר זיך זיין איינער דעם צווייטן געטריי,
וועט ער אייך צושיקען די ברכה דערביי,
און איר זאָלט זיך לעבען בשלום ושלוה
בהשקט ובטח ונאמר אמן!

(צושפיל)

וואו נעמט מען אַמאָליגע יאָרן? *

אין יעדן לאַנד איז גוט באַקאַנט
די טענער, וואָס קלינגען ווייט.
סיי אָרעם, סיי רייך זינגען דאָס גלייך,
אוי, איז דאָס א הערצענדער ליד.
אוי, וואו נעמט מען אמאָליגע יאָרן
זינגט זיך אין האַרצן דאָס ליד,
אוי, וואו נעמט מען אמאָליגע יאָרן ?
און טרערן באַגלייטן דאָס מיט.
די סטרונעס אין האַרצן דערוועקט
און מיט טרערן באַדעקט,
מען ווערט קיינמאָל ניט מיד
זינגענדיג דעם ליד,
אוי, וואו נעמט מען אמאָליגע יאָרן

אַ פריילען ווילט זיך פאַרהייראַטן גיך,
גליקליך וואָלט זי זיין אַזוי.
געכאַפּט, ניט געקלערט, געטראָפן וואָס ניט באַשערט,
און זי שליסט שוין באַלד אַ פּאַרטיי.
אבער אַ יאָר לויפט געשווינט, און זי האָט שוין א קינד,
דיזעלביקע איז זי שוין ניט מער,
ווען זי זיצט ביי אַ וויגעלע
און זי זינגט דאָס זעלבע לידעלע.
אוי, וואו נעמט מען אַמאָליגע יאָרן,
ווען איך בין א מיידעל געווען,
אוי, וואו נעמט מען אַמאָליגע יאָרן,
ווען איך האָב דיר, מיין קינד, ניט געזען ?

שוועסטערלעך, עס איז ניט גוט,
הייראַטן זאָלט איר ניט,
די יוגענד לויפט אַוועק, אוי, א שרעק,
אוי, וואו נעמט מען אַמאָליגע יאָרן ?

אַ פריילאַין גאנץ שעהן, איז פול מיט חן,
חתנים האָט זי גאָר אָן אַ שיר.

דעם קלייבט זי ניט אויס, ווייל זי האַלט זיך גרויס,
זי וויל נאָך פיל שענער פון איר.
אבער אז זי בלייבט זיצען אַלט,
און ס'בייט זיך איר געשטאַלט,
דיזעלבע איז זי שוין ניט מער.
און צו זיין ווי בעפאַר, דאַרף זי פאַרבן די האָר,
און פאַרבענדיג זינגט זי דאָס ליד:
אוי, וואו נעמט מען אַמאָליגע יאָרן ?..
שרייט זי: געוואַלד, איך שטאַרב",
וואו נעמט מען אַמאָליגע יאָרן,
ווען איך האָב ניט געדאַרפט דעם פאַרב,
חתנים געהאַט שיין און גוט,
און איצט וויל מיר שוין קיינער ניט,
איך האָב געבליעט איבעראַל, אזוי ווי א דאַל,
אוי, וואו נעמט מען אמאָליג יאָרן ?..

מוזיקאַלישע קינדער־שפּיל

זע מוזיק

האָב איך געהאַט א פעטערל,
זעט ער וואָס ער טוט,
און טוט ער וואס ער זעט.
האָט ער געהאַט א פידעלע,
טוט ער וואָס ער קען,
און קען ער וואָס ער טוט.

מוזיקאַלישע צושפּיל:

לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ
מאַכט דאָס פידעלע (2)

האָב איך געהאַט א פעטערל,
זעט ער וואָס ער טוט,
און טוט ער וואס ער זעט.
האָט ער געהאַט א פייקעלע,
טוט ער וואָס ער קען,
און קען ער וואָס ער טוט.

פאַ־פאַ־פאַ־פאַ־פאַ־פאַ (2)
מאַכט דאָס פייקעלע
לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ
מאַכט דאָס פידעלע (2)

מוזיקאַלישע צושפּיל:

לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ (2)
מאַכט דעם פידעלע

האָב איך געהאַט א פעטערל,
זעט ער וואָס ער טוט,
און טוט ער וואס ער זעט.
האָט ער געהאַט א פייפעלע,
טוט ער וואָס ער קען,
און קען ער וואָס ער טוט.

פאַ־פאַ־פאַ־פאַ

מאַכט דאָס פייפעלע,
פאַ־פאַ־פאַ־פאַ־פאַ־פאַ־פאַ
מאַכט דאָס פייקעלע,
לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ
מאַכט דאָס פידעלע (2)

מוזיקאַלישע צושפּיל:

טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ
מאַכט דאָס פידעלע.

קינדער־טאַנץ*

זע מוזיק

שפּילען מיר אין קעסטעלעך אין קעסטעלעך
אַט־אזוי, אזוי.
קומט צו גיין אַ האָן —
„האָן, האָן, וואָס גיבסטו־צו, וואָס גיבסטו־צו?“

— „איך גיב צו אַ קריי, אַ קריי,
דער האָן אַ קריי גיט ער זיי,
שפּילען מיר אזוי, אזוי.

שפּילען מיר אין קעסטעלעך אין קעסטעלעך
אָט־אַזוי, אזוי,
קומט צוגיין אַ הון —
„הון, הון, וואָס גיבסטו־צו, וואָס גיבסטו־צו ?"
— „איך גיב צו אן איי, אן איי".
דער האָן א קריי, די הון אן איי,
די הון אַן איי גיט זי זיי,
שפּילען מיר אַזוי, אַזוי.

שפּילען מיר אין קעסטעלעך, אין קעסטעלעך
אָט־אַזוי, אזוי,
קומט צוגיין אַ ווינט —
„ווינט, ווינט, וואָס גיבסטו־צו, וואָס גיבסטו־צו ?"

— „איך גיב צו אַ וועהיי, אַ וועהיי".
דער האָן א קריי, די הון אַן איי,
דער ווינט א וועהיי, גיט ער זיי.
שפּילען מיר אזוי, אזוי.

„דער יעגער" *

„וואָס טוסטו אין ווילדען וואַלד אליין ?"
אזוי פרעגט ער.
„איך פליק שיינע רויזן,
און מיר וועלען ביידע הויזן
אין ווילדן וואַלד אַליין, אין ווילדן וואַלד אַליין.

„איך קען פאַר מיינע פערד ניט",
אזוי רעדט ער.
„איך קען פאַר מיינע פערד ניט,
פאַרבלייב דו שיינהייט וועד דו ביזט",
אין ווילדן וואַלד אַליין, אין ווילדן וואַלד אַליין".

„לאָז די פערד לויפן",
אזוי רעדט זי.
„לאָז די פערד לויפן",
מיר וועלען אנדערע קויפן.
אין ווילדן וואַלד אַליין, אין ווילדן וואַלד אַליין.

„איך קען פאַר מיין זאָטל ניט",
אזוי רעדט ער.
איך קען פאַר מיין זאָטל ניט,
פארבלייב דו שיינהייט ווער דו ביזט.
אין ווילדן וואַלד אַליין, אין ווילדן וואַלד אַליין.

„איך קען פאַר מיין פרוי ניט,
אזוי רעדט ער.
„לאָז די פרוי האָסען,
און מיר וועלעןביידע שפּאַסן".
אין ווילדן וואַלד אַליין, אין ווילדן וואַלד אַליין.

„איך קען פאַר מיינע קינדער ניט",
אזוי רעדט ער.
„לאָז די קינדער גראָבן,
מיר וועלען אנדערע האָבן".
אין ווילדן וואַלד אַליין, אין ווילדן וואַלד אַליין.

„טאָכטער, טאָכטער, דו ביזט בלינד,
איך — דיין פאָטער, און דו — מיין קינד,
מיר מוזן האָבן קיינע זינד",
אין ווילדן וואַלד אַליין,
אין ווילדן וואַלד אַליין.

„המאיר לארץ ולדרים" *

המאיר לארץ ולדרים,
און די וועלט איז נור א חלום,
און א חלום איז די וועלט,
און די וועלט שטייט אויף געלט.

זע מוזיק

און פּאר געלט קויפט מען ביר,
און וואָס דריי איז ניט פיר,
און וואָס פיר איז ניט דריי,
און וואָס אַלט איז ניט ניי.

און וואָס ניי איז ניט אַלט,
און וואָס וואַרעם איז ניט קאַלט,
און וואָס קאַלט איז ניט וואַרעם,
און וואָס רייך איז ניט ארעם.

און וואָס ארעם איז ניט רייך,
און וואָס קרום איז ניט גלייך,
און וואָס גלייך איז ניט קרום,
און וואָס שלעכט איז ניט פרום.

און וואָס פרום איז ניט שלעכט,
און וואָס דער פויער איז ניט גערעכט,
און וואָס ניט גערעכט איז דער פויער,
און וואָס זיס איז ניט זויער.

און וואָס זויער איז ניט זיס,
און וואָס לייב איז ניט פיש,
און וואָס פיש איז ניט לייב,
און וואָס מאַן איז ניט ווייב.

און וואָס ווייב איז ניט מאַן,
און וואָס אַ טאָפּ איז ניט קיין פאַן,
און וואָס אַ פאַן איז ניט קיין טאָפּ,
און וואָס קימעל איז ניט קראָפּ.

און וואָס קראָפּ איז ניט קימעל,
און וואָס ערד איז ניט הימעל,
און וואָס הימעל איז ניט ערד,
פאַרשווינדן זאָל ווערן דער שווערד.

השיבנו נאַזאַד

אַן אַלטע ליד פאַר דער נייער צייט.

ווען די שעה שלאָגט אויס,
געהט דער מענש ארויס,
פארלאָזט ער זיין הויז,
זיין ווייב און זיין קינד.
ער וואַנדערט און בלאָנדזשעט,
ער ווייסט ניט זיין שטאַנד,
פארטריבען פאַריאָגט
פון זיין פאַטערלאַנד.
גענוג שוין צו זיין נע ונד,
קיין ציון השיבנו נאַזאַד!

השיבנו נאַזאַד (2)

אין שפּאַניען אַמאָל, גאָר אָן אַ צאָל
אונזער פאָלק ישראל האָט געליטן, אָן אַ מאָס.
מען האָט אונז געיאָגט, געהרג׳עט, געפּלאָגט
און וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט
גערויבט אָן אַ פאַרוואָס.
געבראָכן געלעמט איז שפּאַניעס גרויסע מאַכט
פארלאָרן איר גלאַנץ און איר שיינעם פּראַכט!
און ווי דאָס לאַנד דיינקט, קען יעדער לעזן אין
בלאַט,
און שלאָגט זיך אין האַרצן צען מאָל על חטא,
און שרייט: יודעלע, השיבנו נאַזאַד!

השיבנו נאַזאַד (2)

פראַהיבישאָן ביים רבן

אָדער

וואָס טוט מען אָן בראַנפּען *

קאָמעדיע אין איין אַקט

1-טע סצענע

די דאָזיגע סצענע קומט פאָר ביי דעם רב שעפּסעל אין הויז. עס ווערט געפּראַוועט אַ חסידישע מלבה מלקה און אין דער צייט פון דער סעודה קען מען ניט קריגען קיין בראַנפּען, ווייל דאָס קומט פאָר אין די יאָרען פון „פּראָהיבישאָן" אין אַמע־ריקע, וואו בראַנפען איז פאַרבאָטען פון דער רעגירונג.

פ ע ר ז א נ ע ן:

1טער רבי — רב שעפּסעל
2טער רבי — רב קאַפּעלע
3טער רבי — רב העשעל
4טער רבי — רב נתן
5טער רבי — רב זלמן
6טער רבי — רב קלמן

7טער רבי — רב חנפן — איינער פון די געסט.

אין דעם גרויסען זאַל, ביים רב שעפּסלען אין הויז, אַרום גע־דעקטע טישען זיצען רב שעפּסעל מיט זיינע חסידים אויסגע־פּוצטע אין זייערע שענסטע חסידישע מלבושים.

1טער רבי, רב שעפּסעל, שטעלט זיך אויף און זאָגט: רבותי און חשובע געסט, מיר האָבען דאָ מיט אונז איינינגע זייער גע־הויבענע געסט און זיי פאַרלאַנגען אַז עס זאָל דאָ זיין אַביסעלע גוטע משקה אויפן טיש. איך מוז אייך אָבער, צום באַדויערן, לאָזן וויסען דאָס מיר קענען ליידער ניט האָבען קיין בראנפען היינט צו אונזער שמחה. די אורזאַך דערפאַר איז, ווייל עס איז איצט פאַראַנען אויף משקה אַ „גזרה" פון דער רעגירונג, אַז מען טאָר קיין בראנפען ניט האָבען. איז דעריבער באַשלאָסען גע־וואָרען, אַז מיר זאָלען קיין בראנפען ניט טרינקען ביז — ביז איה"ש ביז „משיח" וועט קומען.

אַלע חסידים שטעלן זיך אויף און הייבען אָן מאַכען אַ טומעל

אַלע שרייען, ריידען, בייזערען זיך: מיר מוזען האָבען בראַנפּען, מיר קענען ניט וואַרטען ביז משיח וועט קומען.

3טער רבי, רב העשעל שטעלט זיך אויף, אַלע האָבען גרויס דרך־ארץ פאַר׳ן רבנ׳ס לאַנגע ווייסע באָרד און הויבט אָן אַלע־מען צו באַרואיגען און זאָגט:

רבותי, ווען ג״ט ברוך הוא האָט באַשאַפען די וועלט האָט ער אויך באַשאַפען אַ משקה — אַ משקה וואָס האַלט אויף די גאַנצע וועלט, אָן דעם וואָלט די וועלט קיין „קיעם״ ניט געהאַט. דעריבער לאָמיר אַלע אָפּגעבען אַ שבח צו דעם וואָס לעבט אייביג פאַר דעם גרויסען געשאַנק — דעם אייביגען געטראַנק. און ער קערט זיך צו דעם יונגען חסידעל, דעם רב זלמן מיט׳ן געלען בערדעל און לאַנגע זאָקען, און גיט אים אַ צייכען, אַז ער זאָל אָנפאַנגען זינגען „וואָס טוט מען אָן בראַנפען״?

רב זלמן שטעלט זיך אויף, גלעט זיך אוים זיין שעהן בער־דעל, און פאַנגט אָן זינגען. און זינגענדיג קוקט ער אויף יעדען פון די רבי׳ם — און גיט יעדען אַ צייכען מיט׳ן האַנט, וואָס איז פאַר איטלעכען באַשטימט צו טאָן.

רב זלמן קוקט אויף רב שעפּסלען און ווייזט אים מיט׳ן פינ־גער אויף דעם הויכען שטול. און הויבט אָן צו זינגען:

רב שעפּסעל — רב שעפּסעל
זעצט זיך אויבען אָן,
נישטאָ קיין שנעפּסעל, קיין שנעפּסעל,
נאָר דעם רבי׳נס טראָן.
רב קאָפּעלע, רב קאָפּעלע
זעצט זיך דאָ ביים טיש
נישטאָ דער ביטער טראָפּען, קיין טראָפּעלע,
נאָר היים־געפילטע פיש.

אַלע חסידים רופען אוים — „נו וואָס טוט מען אָן בראַנפען״? און רב זלמן ענטפערט מיט געזאַנג, און אַלע זינגען צוזאַמען:

נו, מאַכט־זשע אַ „לחיים״!
ברידער, עס איז גוט!
ס׳איז משקה פון ריינעם מים,
פאַרלירט נישט דעם מוט.

דער רבי רב בענצעל
ער גייט זיך אַ טענצעל
און דער רבי בצלאל
ער זינגט צו ג״ט אַ הלל.

רב זלמן קערט זיך איצט צו רב העשעל און זינגט צו אים:
רב העשעל, רב העשעל,
ס׳איז עפעס אַ גזרה אַ נייע,
אוי — ס׳איז ליידיג די פלעשעל, די פלעשעל.
טענה׳ט דער רבי רב שייע — (קוקט דערביי אויף רב שייען)
אַלע פרעגען — „נו — וואָס טוט מען אָן בראנפען”?
רב זלמן קערט זיך איצט צו רב נתן, און קוקענדיג אויף אים זינגט ער:
רב נתן, רב נתן,
גיסט זשע אָן די פלאַש,
עס וועט נישט קאָסטען אפילו קיין גראָשען,
אויף וואַסער אַ גאַנצען פאַס.
נו, וואָס טוט מען?
ביי דעם פונקט שרייט ארויס רב קאָפּעלע (רב זלמן בלייבט שטיל) מיט אַ בייזן קול און מיט דעם זעלבן ניגון
רב זלמן, רב זלמן,
די משקה איז פראָסט-געמיין,
שרייט דער רבי רב קלמן,
ס׳איז שוין צייט אַ היים צו גיין.
אַלע פרעגען — „נו — וואָס טוט מען אָן בראנפען”?
רב זלמן און אַלע צוזאַמען
נו, מאַכט זשע אַ לחיים
ברידער עס איז גוט
ס׳איז משקה פון ריינעם מים
פאַרלירט ניט דעם מוט.
דער רבי רב בענצעל
ער גייט זיך אַ טענצעל.
(ביי די ווערטער מאַכט דער רבי אַ באַוועגונג צום טאַנצען)
און דער רבי בצלאל
ער זינגט צו ג״ט אַ הלל.
(ביי די ווערטער מאַכט דער רבי מיט די הענט אין דער הויך, לויבט ג״ט פאַר די משקה)

2טע סצענע

אַלע חסידים הויבען זיך פון די טישען און גייען זיך וואַשען די הענט צום עסען. די סעדה הייבט זיך אָן.
רב שעפסעל — שטעלט זיך אויף אין מיטען עסען, און קוקט

זיך אויף אַלעמען אַרום די טישען, ביז ער דערזעהט אַ פּאָר באַקאַנטע מתנגדים. דער רבי רופט זיך אָפּ צום עולם — אה! זעט נאָר וועמען מיר האָבען דאָ פאַר געסט״!

(אַלע הייבען זיך אויף כדי צו באַגריסען די געסט)

טאַקע מיתנגדים, אָבער פיינע אידען! — זאָגט רב שעפּסעל.

(רב קלמן מאַכט אַביסעל שפּאַס)

רב קלמן שטעלט זיך אויף, און מיט אַ באַסאָווע שטימע פרעגט ער:

וואָס וועלען דאָ טאָן ביי אונז מתנגדים צווישען חסידים?

רב זלמן — „מתנגדים קענען גוט שמעקען טאַבאַק״.

(דאָ קומען אַלע אַרוים מיט אַ געלעכטער.)

רב שעפּסעל שטעלט זיך אויף און זאָגט: רבותי, זייט באַ־רואיגט, אונזער גאַסט, רב חנפן קען נאָך עפּעס וואָס אויך. לאָזט אונז טאַקע עפּעס הערען.

רב חנפן — נו, גוט. איך קום דאָך ערשט אַריין. זאָגט מיר וואָס גייט דאָ אָן? און וואָס האָט איר דאָ אויפגעטאָן?

רב זלמן, דער יונגער אָנפירער, וואָס האָט ליב אַלע מאָל צו זאָגען, אָדער צו זינגען צום פּונקט מיט עפּעס אַ גראַם, שטעלט זיך אויף און קוקט אויף׳ן רב חנפנ׳ען און הייבט אָן צו זינגען צו אים מיט אַ פראַגע. מיט׳ן זעלבען מאָטיוו, ווי ביי די רבייאים:

רב חנפן, רב חנפן,
איך וויל אייך פרעגען אַ שאלה:
עס איז נישטאָ קיין בראַנפען, קיין בראַנפען,
צו איז דאָס אַ „גזרה״ של מעלה?
אַלע פרעגען — „נו, וואָס טוט מען״?
און אַלע זינגען — נו, מאַכט מען אַ לחיים א. אַ. וו.

רב חנפן: איך דאַנק אייך רב זלמן פאַר אייער שיינעם גראַם, וואָס איר האָט מיך מחבד געווען. איך וואָלט זיך געוואונשען צו הערען פון אייך נאָך גראַמען.

רב זלמן — איר וועט הערען פון מיר נאָך — אָבער אַביסע־לע שפּעטער.

רב שעפּסעל — נו, רב חנפן, איך מיין, אַז איצט דאַרפט איר אונז עפּעס וואָס זאָגען.

רב חנפן שטעלט זיך אויף און זאָגט:

רב שעפּסעל און חשובע געסט און רבותי.

איך רייד דאָ אַלס מתנגד. איך בין זיכער, אַז יעדער איד

וואָס ער זאָל ניט זיין, אַ חסיד, אַ קאָנסערוואַטיוו און אפילו אַ רעפאָרמירטער, אויף אַלעמען ליגט דער חוב צו דאַנקען ג״ט פאַר דעם חסד וואָס ער האָט געטאָן מיט אונז, וואָס דאָס אידישע פאָלק איז שוין ניט מער צו שפּאָט און צו שאַנד, אידען האָבען שוין איצט זייער אייגען לאַנד. פאַרווירקליכט איז געוואָרען דאָס צוויי טויזענד יאָריגע שטרעבען. דער איד איז ווידער דער בויער פון זיין אייגענעם לעבען, מיט אַן אייגענער מלוכה און אייגענע גרענעצן, און מיר אידען דארפען זיך גליקליך שעצען, וואָס מיר האָבען דערלעבט די צייט. פון דעם גלות וועלען מיר מיט ג״טס הילף ווערען אינגאַנצען באַפרייט. מיר זיינען ניט מער אַ פאָלק פון ״נע־ונד״. דאָס אידישע פאָלק ווערט שוין אָנער־קענט פאַר זיין לאַנד אַלס בויער, זיין שטימע איצט פאַרנעמט יעדענס האַרץ און יעדענס אויער, די הערשער פון דער וועלט טוען דאָס באַקלערען, דאָס אידישע וואָרט אויסצוהערען. מיט וויטיג און מיט שאַנד מוזען זיי צוריקקערען אונזער לאַנד. במהרה בימינו אמן!

איצט רבותי, אַזוי ווי איך בין דאָ געקומען ניט צו האַלטען קיין לאַנגע רעדעס פאַר אייך, נאָר פאַרקערט, איך בין געקומען הערען פון אייך עפּעס אמת׳ע, חסידישע ניגונים.

רב שעפּסעל גיט איצט א וואונק צו רב זלמנ׳ען, אז ער זאָל טאַקע זינגען דאָס אמת ריכטיגע, חסידישע געזאַנג.

רב זלמן שטעלט זיך אויף און הייבט אָן זינגען דאָס ליד פון „חסידים און מתנגדים״.

חסידים און מתנגדים

די מתנגדים, אַז זיי קומען אין שול אַריין,
שטעלען זיי זיך אויף איין אָרט.
ווען זיי טוען „שמונה עשרה״ שטעהן
הערט מען פון זיי קיין וואָרט.
און איך — איך לויף אַרום און קלאַפּ מיט די הענט. (2)
און שריי אין דער הויך און פּאַטש מיט די הענד. (2)

די מתנגדים — איינעם רופען זיי יאָסעלאָוויטש
און איינעם רופען זיי אַבראַמאָוויטש
און איינעם רופען זיי גלאַזער,
און ביי מיר,

בײַ מיר, איז פּראָסט בערל, שמערל, (2)
חיים זאַרח, חאַצקיל בארח (2)

די מתנגדים, שרה רופען זיי שאַרע,
לאה רופן זיי לינאַ,
און קיילע רופען זיי קלאַרע.
און בײַ מיר, בײַ מיר איז פּראָסט (2)
טריינע, בריינע, וויכנע דוּאָשע, (2)
יאַכנע סאָשע.

די מתנגדים — דאָס בערדעלע איז בײַ זיי אַראָפּ
און אויף די פּאות ניט קיין האָר
דאָס הערצעלע איז בײַ זיי ווײַס און קלאָר
און בײַ מיר, בײַ מיר איז (2)
דאָס שטריימעלע זייער גרויס
מיט לאַנגע זאָקען, און די האָרץ אַרויס. (2)

די מתנגדים — זיי שמד'ן דען זייערע קינדער ניט אויס?
און מאַכען זיי פאַר סטודענטען.
זיי געהען אין די שולען, זיי לערנען זיך אויס
צו מאַכען מיט פרויען קאָמפּלימענטען.
און בײַ מיר, — אַז מיינע קינדער זעהען אַ אשה, (2)
פאַרשטעלען זיי די אויגען אַזש פאַר בושה. (2)

די מתנגדים — זיי זיינען דאָך אַפילו ניט מקים
איין מאָל אַ יאָהר צום רבן צו פאָרען
צו כאַפּען פון באָרד די שירים.
און איך — איך פאָר אַרום מיט די חסידירלעך אינאיינעם (2)
און טאַנץ אויפן טיש (2)
מיט די הייליגע טאַכטוינים.

רב שעפּסעל — צו די פאַרזאַמעלטע:

רבותי, איך דאַנק אייך אַלעמען פאַר'ן קומען צו אונזערע אונטערנעמונגען, און לאָמיר אַלע הערען גוטע בשורות טובות ונחמות פאַר אַלע אידען אמן.

ענדע

ONE WORLD

America and United Nations

Part One

IN TIME OF WAR

★ AMERICA AND A UNITED WORLD ★

America is our life
We are taking our ideas
To the world across the seas
America and a United World.

A war is on, it is no fun,
We have to go over there.
The war is on, not for us alone,
We shall fight anywhere.

Text Optional

1. We will keep them on, thinking up
   Who is who to be on top.
   While the boys will be fighting on

2. We will give them a beating up,
   And they will eat it up.
   While the boys will be fighting on

When the war is over,
We'll fight nowhere.
America and a united world.

★ THE WORLD WILL THEN BE ONLY ONE ★

Same music for both parts.

Words and music by Morris Abba Weitzman

ONE WORLD

America and United Nations

Part Two

IN TIME OF PEACE

★ AMERICA AND A UNITED WORLD ★

America is our life.
We will win our righteous right
With our spirit and with our might,
America and a united world.

As many years as we have been around
On this bright restless world
Nowhere have we, our fond wishes found,
Not in the world created of old.

A new world is in the making
By United Nations undertaking.
Dear God grant us our prayer,
A happy world to be is our hope to see.

America and a united World

★ THE WORLD WILL THEN BE ONLY ONE ★

America and a united world,
America is our life.
We are taking our ideas
To the world across the seas,
America and a united world,

Same music for both parts.

Copyright 1951 by Morris Abba Weitzman